ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אין די שטאט
# קראקא

אידיש

**73**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

# אין די שטאדט קראקא



# אין די שטאדט קראקא

יארן מיט יארן איז דער
אידישער קיך באליווערט
געווארן מיט טריפה פלייש.
א טראגישע געשיכטע וואס
איז פארגעקומען אין די
צייט פון דעם גאון און
צדיק ר׳ נתן נטע שפירא,
מחבר פון ספר מגלה
עמוקות.

CHEVRA MAKEITZAI NIRDOMIM

ערשטער טהייל

# אין די שטאדט קראקא

ב. סאקאלאוו

**יארן מיט יארן איז דער אידישער קיך באליווערט געווארן מיט טריפה פלייש. א טראגישע געשיכטע וואס איז פארגעקומען אין די צייט פון דעם גאון און צדיק ר׳ נתן נטע שפירא, מחבר פון ספר מגלה עמוקות.**

הגאון ר׳ נתן נטע שפירא איז געבארן געווארן אין יאהר שמ״ה. ער איז געווען א אייניקל פון דעם פריהערדיגן ר׳ נתן נטע (ב״ר שמשון) שפירא וועלכער איז געווען רב אין הורודנא אין מחבר געווען א פירוש אויף דעם שערי דורא און א פירוש אויף רש״י על התורה מיטן נאהמען „אמרי שפר״.

אין יאהר שע״ז איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין קראקא. דארטן האט ער געפיהרט א גרויסע ישיבה און צווישן זייגע תלמידים איז אויך געווען דער גאון ר׳ שבתי כהן (ש״ך). אויסער זיין גאונות אין נגלה איז ער געווען מפורסם אלס גרויסער בעל מקובל און אלע האבן איהם געהאלטן פאר א היילי־גער מאן.

זיינע חדושים אויפן רי״ף מיטן נאהמען „חדושי אנשי שם״ זענען געדרוקט געווארן אין אלע ש״סן, ער איז אבער באקאנט געווארן אויף דער וועלט מיט זיין פירוש מגלה עמו־קות, אין וועלכן ער דרשנט דעם ווארט „ואתחנן״ מיט צוויי הונדערט צוויי און פופ־ציג אופנים. אויך זיין פירוש אויף דער תורה האט דעם זעלבן נאהמען „מגלה עמוקות״.

ער איז נפטר געווארן אין יאהר שצ״ג זיי־ענדיג אלט נישט מעהר ווי אכט און פערציג יאהר און אויף זיין מצבה שטעהט אויסגע־קריצט : „הוא שאומרים עליו שדבר את אליהו פנים אל פנים״ — ער איז עס, אויף וועמען מען האט געזאגט, אז ער פלעגט רעדן אפן מיט אליהו הנביא״. זי״ע.

ב"ה

## פארווארט

אזוי ווי די ימי התשובה זענען שוין נאהנט ווילען מיר אויף וועקען אביסעל
די פארשלאפענע הערצער, על כן דרוקען מיר דא איבער די מעשה "אין דער שטאט
קראקע„ וואס ווער עס וועט דאס ליינען וועט געוויס ערשטוינט ווערין איין
עס וועט אוודאי אויף איהם אדער איר האבען א פעולה לטובה. ווייל פון דער
מעשה זעהט מען דעם גרויסען עונש פאר דעם וואס איז מאכיל נבילות וטרפות .
און אויך זעהט מען אז דורך דעם שטארבען מענטשען זייער יונג און אויך פל-
וצלינג (אזוי ווי ליידער מען הערט דא ביי אונז לעצטענס אזעלכע זאכען און
מען ווייסט נישט פאר וואס)מען רופט דעם עולם דורך פלאקאטען תשובה צו טו-
ען און אויס זאגען תהלים וכדומה איך מען ווייסט נישט ווי אנצוהייבען תש-
ובה צו טוען) און נאך מעהר קען מען זעהן פון דא אז אפילו אזא הייליגען און
גרויסען רב ווי דער "מגלה עמוקות" זי"ע האט מען אויך געקענט אפנארען אזוי
פיהל יאר און אונטער זיין רבנות און און זיין שטאט האט מען די גאנצע שטאט
געגעבען צו עסען נבילות וטרפות רח"ל.על כן זאל יעדער איינער אין די טעג גוט
אריין טראכטען און אלעם וואס קומט פאר ארום אונז איך מאכען א שטיקעל חשבון
ווי מען האלט. און כדי צו מאכען גרינגער א חשבון האבען מיר צו געדרוקט א
שטיקעל פון דעם ספר בריח מטה משה וואס איז געדרוקט געווארען און יאר תס"א
וואס פון דארט קען מען זעהן אז אפילו אין יענע צייטען ווי באלט מען האט
געשאכטען מיט א מאס פון שנעלקייט האט דער מחבר געשריגען אז עס איז
ממש נבילות וטרפות אויך שרייבט ער אז די שוחטים ווערען מיד און האבען נישט
קיין הרגשה און נאך פארשידענע מכשולות. מכל שכן היינטיגע צייטען וואס די
מכשולות וואס זענען דעמאלט'ס געווען האבען זיך געדאפעלט פיל פאכיג דארף
יעדער איד נזהר זיין צו וויסען וואס ער עסט.אויך דרוקען מיר צו אחשובה פון
שו"ת בית הלל פון הגה"צ ר' הלל מקאלאמייע זי"ע וואס פון דארט זעהט מען אז
און דעם זינד פון נבילות וטרפות שטארבען קליינע קינדער רח"ל איך מיר וו-
ערען נישט אן גערופען דעם אייבערשטענ'ס קינדער (אפילו ווען מען גייט און
מקוה און מען איז קובע עיתים לתורה יעדען טאג).אויך האבען מיר געדרוקט
פון שאמלויער רב זי"ע ווי ער ברענגט פארשידענע זאכען וועגען מכשולות ביי
שחיטה ובפרט דאס וואס ער ברענגט פון סאנזער רב זי"ע אז דורך דאס עסען
נבילות וטרפות זענען גאנצע קהילות אראפ פון יודישען וועג.און לאזען מיר
זיך נישט איינרעדען אז מיר זענען בעסער פון זיי ווייל נישט נאר ביי דעם
דור וואס איז שוין אויפ געוואסען און אמריקא נאר אפילו ביי די וואס זענען
אויף געוואקסען און דער אלטער היים דערקענט מען גאר אגרויסען חילוק פון
ווען זיי זענען געקומען אהער ביז היינט.טראץ דעם וואס פיהל פון זיי האבען
זיך דא אנגעטוהן שטריימלען און בעקיטשעס און און דער אלטער ההיים זענען טייל
פון זיי געגאנגען אפילו אן בערד דאס איז אלעס נאר בחיצוניות אבער בפנימיות
זענען זיי פיהל ערגער.און דאס אלעס קומט פון עסען מאכלות אסורות אזוי וויא
עס שטייט און פרי חדש אויף דעם וואס דער רמ"א שרייבט(און יו"ד טי' פ"א סעי'
ז') אז א פרוי וואס זייגט זאל נישט עסען זאכען וואס זענען אסור (אין דער
ט"ז און ש"ך זאגען אז דאס רעדט זיך אפילו ביי אפרוי וואס זיא דארף דאס
עסען צוליב פיקוח נפש טאר זי אבער נישט זייגען דאס קינד) זאגט אויף דעם
דער/פרי חדש / ז"ל און ווייל און אונזערע צייטען איז מען נישט נזהר און די
זאכען וועגען דעם גייען רוב קינדער ארויס לתרבות רעה און רוב פון זיי
זענען די עזות פנימ'ער פון דעם דור וכו' און אפילו אויב מען זאגט זיי
מוסר הערען זיי זיך ניט צו.ביז אהער פון פרי חדש. און ממש די זעלבע זאך
שרייבט דער גאון חיד"א.זי"ע און זיין ספר מחזיק ברכה אויף דעם אויבען
דערמאנטען רמ"א.זעהנדיג אזעלעכע ווערטער פון אזעלעכע גאונים וצדיקים
ואלט מען זיך געדארפט ארום קוקען צו ביי אונז אוז דען ליידער נישט אזוי
מען הערט טאג טעגליך מעשיות פון קינדער פון גאר היימישע פרומע הייזער
וואס עס וואלט זיך געפאסט צו הערען פון קינדער וואס זענען אויף געווא-

קסען ביי א דארפס יונג און טאמער וועט איהר זאגען אז זיי שרייבען "רוב
קינדער" און ביי אונז איז דאס נאר א מיעוט זאלט איהר וויסען אז דער פר-
אצענט איז פיהל מער ווי איהר מיינט און פיהל מער ווי איהר הערט ווייל
נישט אלע מעשיות קומען אן צו אלע מענטשען און ווען יעדער זאל וויסען פון
אלע זאכען וואלט שוין לאנג פינסטער געווען פאר די אויגען אבער ליידער די
אויגען זענען פארבלענדעט געווארען פון מאכלות אסורות און מען הערט נישט
און מען זעהט נישט אזוי וויא עס שטייט און דגל מחנה אפרים פרשת עקב אויף
דעם פסוק ומלתם את ערלת לבבכם בשם דעם רמב"ם און די תשובות וואס ער האט
גענטפערט פאר די וואס האבען געהאט ספיקות און תחיית המתים איז בקיצור האט
ער זיי געענפערט אז אזעלעכע ספיקות ווערען נולד ביי א מענטש נאר דורך עסען
מאכלות אסורות נבלות וטרפות וכדומה זעהן מיר פון דעם ווי ווייט א מענטש
קען פארקריכען דורך עסען מאכלות  אסורות ביז מען האט ספיקות אפילו אין די
י"ג עיקרים. אויך דארף מען ביי זיך מאכען דעם חשבון וואס דער באר מים חיים
ז"ל שרייבט אין פרשת חיי שרה אין דאס איז זיין לשון און אונזערע דורות
היינט אויב איינער קומט מיט א מעסער און די האנט צו שעכטען און ער זאגט
אז ער איז אשוחט אין בודק מומחה גלייבט מען איהם אין מען פרעגט זיך גארנישט
נאך אויף איהם און מען זאגט מן הסתם די אלע וואס געפונען זיך ביי שחיטה
זענעם מומחים און דאס גלייכען איז ביי ווייך מילך און פיש א.ד.ג. זאכען
וואס זענען דא א חשש איסור אויב מען גיט עמיצען זאכען וואס מען דארף בודק
זין פון ווערים זאגט ער אז מן הסתם איז ער א ערליכער איד און וועט נישט
געבען צו עסען א זאך וואס מען טאר נישט עסען.אבער ווען עס קומט צו געלט
זאכען גלייבט מען יענעם נישט   ביז ער וועט מאכען נאך פארשונגען און זיך
גוט נאך פרעגען ווער ער איז אוז וואס פאר א מין פארשוין יענער איז און
אויב מען קען איהם גלייבען אבער נישט און צום סוף ווען ער גיט שוין יא ברענגט
ער עדות און מען שרייבט און מען חתמעט און ער ציטערט נאך אלץ די גאנצע צייט
טאמער וועט ער נישט באצאלען.ביז אהער פון באמ"ח.(מען מעג קוקען אינעווייניג
ווי ער איז מער מאריך) יעצט וואלט יעדער באזון אויך געדארפט מאכען דעם זעלבן
חשבון ווען מען גייט אריין און א גישעפט קויפען עפעס און מען זהעט אויף
דעם א נאמען פון ארב וואס ער קען איהם אפילו נישט און אפילו אויב ער האט
שוין יא אמאל גיהערט פון איהם וויסט ער אויך נאך נישט וואס אמין מענטש ער
איז וואלט מען ביי זוך געדארפט אויף אמת טראכטען צו מיט דער זעלבער
בלינדקייט וואלט איך איהם געטרויערט מיט געלט אן קיין צווייפלונג און דאס
זעלביגע ווענען אקעיטערער אדער א רעסטוראנט. אויך דארף יעדער איד שטענדיג
האלטען פאר די אויגען וואס דער חפץ חיים ז"ל שרייבט אין זיין ספר מחנה ישראל
אז אידישער סאלדאט האט איהם גיפרעגט וואס ער זאל זיך אויסוועלען ער קען
זיין אין א אפטיילונג ווי דער אנגעשטעלטער איז אגוטער מענטש און ער וועט
צו לאזען צו שעכטען אין עסען כשר׳ס אבער דארט מוז ער ארבעטען אום שבת
אבער און א צווייטער אפ טיילונג קען ער נישט עסען כשר׳ס אבער שבת מוז ער
נישט ארבעאען וויל ער וויסען וואס ער זאל טוהען האט דער חפץ חיים אום
געהייסען גיין און דעם אפ טיילונג ווי מען מוז ארבעטען אום שבת און האט
צו געזאגט דעם טעם הגם שבת איז א איסור סקילה אבער ווען ער וועט א היים
קומען וועט ער קענען היטען א סאך שבתות אבער ווען ער וועט עסען נבילות ו
וטרפות "וועט דער פגם בלייבען אין זיין נשמה ביז אייביג" ביז אהער פון חפץ
חילם.אריין טראכטענדיג און די ווערטער וואלט יעדער איינער געדארפט מאכען
א חשבון ווי ווייט מען דארף נזהר זיין פון עסען נבילות וטרפות ווייל אז
דאס בלייבט איבער ביז אייביג דער פגם וואלט זיך קיינער נישט געוואלט אריין
לאזען און אזעלעכע ספיקות בגשמיות און כל שכן ברוחניות.על כן החי יתן אל
לבו אזוי לאנג ווי עס איז נאך דא צייט בפרט אין די ימי התשובה און נישט
לאזען זיך אליין אפי׳ נארען מיט פארשידענע תירוצים. אין יעדער זאל וויסען
אז אויף יעדען כזית בהמה פלייש וואס מען עסט דא אין אמריקא שפילט מען זיך
מיט א ספק נבילות וטריפות עס איס נישט קיין חילוק וואס פאר א זיגעל דאס פלייש
האט אויף זיך.און ווייטער ביי עופות דארף מען אויך וויסען אז מען מוז אליין
וויסען ווער דער שוחט איז אין וויפיהל ער שעכט א שעה אין וויפיהל שעה ער שעכט אן
אפרוען זיך און צו דאס איז נישט א מאשין שחיטה און בשום אופן זיך נישט פארלאזען
אויף קיין שום נאמען וואס איז דא אויף דעם זיגעל. און אין דעם זכות פון תשובה
וועלען מיר אלע געהאלפען ווערען מיט א כתיבה וחתימה טובה בכלל כל ישראל אמן.

אין יאהר שמ״א לאלף הששי איז אין קראקא געשטארבן א קצב און איבערגעלאזט א יונגען יתום פון פיר יאהר אלט. איבער דעם יתום האט זיך מרחם געווען זיינס א פעטער, דעסגלייכן א קצב און איהם אריינגענומען צו זיך אין הויז. דער פעטער איז געווען א ברוטאלער מענש, א גרוביאן, אנ׳אכזר, חוץ דעם האט ער ערצויגן ביי זיך אין הויז אויך א צווייטן יתום. עס רעדט זיך אזוי: „ערצויגן״. פאקטיש האט ער ביידע יתומים איינגעשפאנט אין דער שווערסטער ארבעט און דערביי זיי נישט געגעבן קיין עסן צו דער זעט און אויך נישט קיין מלבוש און קיין שיך אויף די פיס.

בעגינען, ווען אין דרויסן איז נאך געווען פינסטער, פלעגן די יתומים מוזן זיך אויפרייסן פון בעסטן שלאף און געהן אין יאטקע אריין טהון די גרעבסטע ארבייט.

ווינטער האט די פראסט געשניטן ווי מיט מעסערס זייערע פינגער, בשעת זיי האבן געוואשן אין קאלטען וואסער די כלים. בלאס און בלאה זענען זיי האבן גארנישט געוואוסט דעם טעם פון זאט-זיין. זייער מומע איז אויסגעשלאפן, וואלט די קעלט אזא שליטה נישט געהאט איבער זיי. אבער ווי זיי האבן גארנישט געוואוסט דעם טעם פון זאט-זיין. זייער מומע איז געווען נישט בעסער פונ׳ם מאן. מכות האט זי זיי געגעבן צום עסן און ווען ווער פון זיי ס׳איז געפאלן אין אהנמאכט פון הונגער און קעלט, האט מען איהם מיט קלעפ דערמונטערט און געטריבן נישט צו פוילן זיך און טהון די ארבייט פלייסיג.

קיין שום לעהרע האבן די קינדער נישט בעקומען. זיי האבען ניט געוואוסט פון קיין אידישקייט, פון קיין דאווענען, אפילו פון קענען אלף-בית. זיי זענען עלטער געווארן און גוט פערשטאנען זייער טרויעריגער לאגע: עלענד, אונוויסענד, קיין קרוב און קיין גואל, וואס זאל זיך פאר זיי אננעמען. דאס שווערע לעבען זייערס, האט זיי מורא׳דיג פער׳מגושמ׳ט. הונגער, האט תמיד ארויס געקוקט פון זייערע אויגן, ווי פונ׳ם וואלף אין וואלד. יעדער האט זיי אויסגעמיטען, ווייל זיי האבן אויסגעזעהען ווי פרא-אדמ׳ס, אבגעריסן, אבגעשליסן, בארוועס, ברודיג, ניט געוואשן, נישט אבגעשוירן.





אין קראקא איז דאמאלס געווען א הויכער אבצאהל פון כשר פלייש, דעריבער האבן נאך פערמעגליכע מענטשן זיך פערגונען צו עסן פלייש אינמיטן דער וואך. ארימע האבן זיך פערפליישיגט בלויז משבת לשבת. ווי דער שטייגער איז מיט רייכע קונים, האבן די קצבים געטראגן זיי אין שטוב אריין די חלקים פלייש, די צוויי אומגליקליכע יתומים האבן דעריבער געהאט א טאפעלטע ארבייט: פארטאגס אבהארעווען עטליכע שעה אין יאטקע גופא און א זייגער 8—9 אינדערפריה, פונאנדערטראגן די חלקים פלייש איבער די נגידישע הייזער.

ווען די יתומים פלעגען זיך אבפארטיגן מיט דער יאטקע־ארבייט: שינדן, האקן, שניידן, טרייבערן, שווענקען, דאמאלס האט מען אויף זייערע יונגע פלייצעס ארויפגעלעגט א קויש מיט צעהנדליגער פונטן פלייש און געטריבן וויארסטן ווייט איבער דער שטאדט. טאמער האבן זיי געבעטן פריהער עפעס עסן, האט זיי דער פעטער און די מומע גוט אנגעשלאגן פאר דער דאזיגער „חוצפה" און געטריבן אין גאס אריין הונגעריגערהייט.

— אז איהר וועט ברענגען געלד פאר דעם אבגעלייזטן פלייש, וועט איהר קריגן צו פרעסן! — איז געווען דער ענטפער.

האבן זיי קיין ברירה נישט געהאט און געמוזט פאלגן.

ביינאכט, אויף זייער קאלט שטרוי געלעגער, פלעגן זיי זיך בעוואשן מיט טרערן, הילפלאזע, יתומישע טרערן, קיינער האט אבער זייער געוויין נישט געהערט.

איינמאל האט איין יתום געפונען אין גאס א גרעסערע מטבע. האט ער אין תחילת געוואלט פאר דער מטבע זיך קויפן ברויט, כדי איינמאל פאר אלע מאל גוט זיך אנעסן צו דער זעט. באלד איז איהם אבער איינגעפאלן א צווייטער געדאנק: ניין! איך וועל מיט דער מטבע מאכן געשעפט און וועל געלד פארדינען! ערשט פאר דעם פערדינסט, וועל איך זיך קויפן ברויט!

איז ער אוועק אין גוי'אישן געגענד, געקויפט פאר דער מטבע א גרויסע שטיק טרפה פלייש און צומארגענס, ווען דער פעטער האט איהם געגעבן א קויש מיט חלקים כשר פלייש, פונאנדערצוטראגן עס צווישן קונים און

ברענגען געלד, האט ער אויך דאס שטיק טרפה פלייש פערקויפט פאר כשר און אבגענומען א פיל טייערן פרייז ווי דאס האט איהם געקאסט. דאס פערדינטע געלד האט ער גוט בעהאלטן און ווען זיין חבר, דער אח לצרה איז אויך צוריקגעקומען, איז ער מיט איהם אוועק אין א ווייטער גאס, געקויפט זיך דארט ברויט מיט קעז און ביר און בײדע האבן געגעסן צו דער זעט.

— פונוואנען האסטו געלד? — האט דער חבר איהם געפרעגט.

— כ'האב געפונען! — איז געווען דער ענטפער.

דער חבר האט געגלויבט.

שפּעטער האט ער ווידער געקויפט א שטיק טרפה פלייש, צומארגענס ווידער עס אויסגעמישט מיטן כשר'ן און — ווידער פערדינט א היבשע מטבע. נאכמיטאג איז ער ווידער אוועק מיט זיין חבר אין א ווייטע גאס געקויפט ברויט, קעז, ביר און זיי האבן אנגעגעסן זיך.

— פונוואנען האסטו היינט געלד? האט דער חבר אויפסניי געפרעגט.

— כ'האב ווידער אמאל געפונען! — האט יענער געענטפערט.

אזוי איז עס צוגעגאנגען עטליכע טעג: געקויפט טרפה פלייש, אויסגע־מישט עס מיטן כשר'ן, פערקויפט עס פאר בעדייטענד טייערער. אלע קראקאווער אידן האבן ביי זיי געקויפט מיטן פולן צוטרוי, אז דאס פלייש איז כשר, ווייל מ'האט געוואוסט פון וועלכער יאטקע דאס פלייש איז און זייער פעטער איז געווען בחזקת כשרות, געהאט אויף זיך די געהעריגע השגחה.

די געקויפטע פארציע טרפה פלייש איז יעדן טאג געווארן גרעסער, ממילא איז דאך דאס פערדינסט געווארן אויך גרעסער. אזוי ווייטער און אזוי כסדר, יעדן טאג האבן בײדע יתומים זיך געלאזט אלץ מעהר וואוילגעהן, ביז איינמאל זאגט דער חבר צום מאכיל־טרפה'ניק:

— איך גלויב מעהר נישט דיין טאג־טעגליכן תירוץ, אז דו האסט גע־פונען געלד! געפינען קען מען איינמאל, צוויי מאל, אבער נישט יעדן טאג! זאג מיר דעם אמת, פון וואנען האסטו די געלד?

יענער האט אבער נישט געוואלט אויסזאגן.

— מיר זענען בײדע קיילעכיגע יתומים! — איז דער חבר צוגעשטאנען





— בײדע האָבן מיר נישט קײן טאַטע, קײן מאַמע, קײן שװעסטער, קײן ברודער, בײדע זענען מיר אױף גלײכע צרות, עלענד װי אַ שטײן, קענסטו זיך נישט פֿערטרױען אין מיר אײנעם?

— גיב מיר תקיעת כף, אַז דו װעסט קײנעם נישט אױסזאָגן — איז דער מאכיל־טרפֿות׳ניק נאָכגיביגער געװאָרן — װעל איך דיר אױסזאָגן.

דער חבר האָט איהם געגעבן תקיעת־כף און דער מאכיל־טרפֿות׳ניק האָט פֿאַר איהם זיך פֿערטרױט, װאָס פֿאַר אַ שענדליכע נבֿלה ער בעגעהט יעדן טאָג בײ װאָס ער פֿערדינט געלד.

כדי דאָס „געשעפֿט" צו פֿערגרעסערן, האָט ער איהם געלערענט, אײנ־צוהאַלטן אײן טאָג אַ ביסעל אײנקאַסירט געלד, קױפֿן דערפֿאַר טרפֿה פֿלײש, פֿערקױפֿן עס פֿאַר כשר, אומקעהרן צומאַרגנס דאָס קרן און װײטער אַלײן האַנדלען מיט׳ן רװח װאָס װעט זיך אַזױ אַרום פֿון טאָג צו טאָג פֿערגרעסערן.

פֿערגרעבט און אומװיסענד זענען בײדע יונגע יתומים געװעזן. זײ האָבן נישט פֿערשטאַנען די גרױס פֿון פֿערברעכן, װאָס זײ בעגעהן; אױסער דעם האָט דאָך דער שטן אױך זײ צוגעהאָלפֿן אידן מאכיל טרפֿות זײן. דאָס „געשעפֿט" איז אַװעק אױף אַ װעג, װאָס אַמאָל אַלץ ברײטער און גרעסער. אײנציגװײז, אײנציגװײז און אָהן אַ צאָהל קראָקאָװער אידישע הײזער זענען אומבעװאוסטזיניג געװאָרן פֿער׳טרפֿה׳ט.

אַ גאַנץ יאָהר האָבן בײדע חברים אַזױ זיך געפֿיהרט: אױסגעמישט טרפֿה פֿלײש צװישן כשר׳ס און אַזױ אַרום אײנקאַסירט מעהר געלד װי זײ האָבן בעדאַרפֿט אָהײמברענגען.

װען זײ האָבן דאָדורך געהאַט אָבגעשפּאָרט אַ היבשע סומע, איז צװישען זײ געװאָרן אָבגערעדט, אַז אײנער זאָל זיך צוקריגן מיטן פֿעטער, מאַכן זיך אַ ברוגז, װעט מען דאָך איהם אַרױסװאַרפֿן, זאָל ער דאַן געהן זיך פֿערדינגען אין אַ װײטער גאַס, צו אַ צװײטן כשר׳ן קצב, פֿאַר װיפֿיעל נאָר יענער װעט געבן, אפֿילו פֿאַר בלױז עסן. נישקשה, ס׳װעט זיך לױנען! דאָדורך װעט מען זיך ערװערבן פֿרישע קונים און מ׳װעט קענען דאָס „געשעפֿט" פֿערגרעסערן.

כך הוה: דער עלטערער יתום האָט בכיװן אָנגעהױבן אונטערפֿױלן זיך אין דער אַרבײט, בונטעװען זיך און אָקעגנרעדן דעם פֿעטער. ער האָט

נישט געוואלט ארבייטן און ווען ער האט שוין גאר שטארק דערקוטשעט און חוצפה׳דיג געשפרונגען אין די אויגן אריין, האט איהם דער פעטער ארויס־געטריבן.

האט ער איבערגעלאזט אלע קונים ביים חבר און אליין אוועק אין צווייטן עק קראקא, פערדינגען זיך צו א כשר׳ן קצב.

דא האט ער פונדאסניי אנגעהויבן די שענדליכע פראצעדורע. ווען דער נייער בעל־הבית האט איהם געשיקט פונאנדערטראגן צעהנדליגער חלקים צו כך וכך פונטן פלייש, האט ער צוגעלעגט נאך עטליכע חלקים טרפה פלייש, אדער ער האט געמאכט די חלקים גרעסער. אזוי ארום האט ער יעדן טאג אראבגעלאזט אין קעשענע ריוח, דעם קאלאסאלן דיפערענץ צווישן פרייז פון כשר און טרפה פלייש.

**כ**אטשביידע חברים זענען געווען צעשיידט, זענען זיי אבער אינדער־שטיל געבליבן שותפים. איינער דעם אנדערן האט געגעבן תקיעת־כף, נישט מעלים צו זיין קיין איין פרוטה. זיי זענען זעהר אפט זיך צונויפגעקומען אויף א אבגערעדט ארט, וואו קיינער זאל זיי נישט זעהן, כדי צונויפצולייגן דאס שותפות־געלד, ווי אויך דורכשמועסן די „געשעפטליכע ענינים״: וואו ביליגער צו קויפן טרפות און וואו צו נעמען א בעסערן פרייז פאר כשר׳ס.

דער שטן האט צוגעהאלפן, אז ס׳זאל אויף זיי דער מינדעסטער חשד נישט פאלן און מ׳זאל ביי זיי גערן קויפן פלייש מיט פולער זיכערקייט אין כשרות.

ווידער איז אדורך א לאנגע צייט. ביידע חברים האבן שוין געהאט אנ־געזאמעלט א גאר היבשן קאפיטאל. האבען זיי בעשלאסן נישט צו דינען מעהר ביי קיין פרעמדע אלס משרתים, נור ווערן זעלבסטשטענדיגע קצבים מיט אייגענע יאטקעס.

ווי אזוי מאכט מען דאס ?

זיי האבן זיך בעראטן און אויסגעטראכט אזא פלאן :

דער עלטערער איז איינמאל געקומען צום יונגערן אין יאטקע מיט א פרייד : ער האט געפונען א בייטל מיט הונדערט גאלדענע רענדלעך...

ווען זיין אמאליגער בעל־הבית האט איהם געוואלט ארויסטרייבן, האט

יענער א זאג געטהון הויך צו זיין יונגערן חבר:

— קום פונדאנען! זאלסט נישט זיין דא מעהר ביים פעטער, דעם אכזר! אז ג־ט האט מיר געהאלפן און איך בין אויפגעריכט געווארן, נעם איך דיך צו פאר א שותף צו דער יאטקע וואס כ'געה זיך עפענען! די וועסט געהן אין דארף קויפן א קאלב, א בהמה'לע איך וועל שטעהן אין יאטקע; אמאל — פערקעהרט. ס'וועט דיר זיכער בעסער זיין, ווי דא ביים פעטער! מיט דער צייט וועלן מיר זיך אזוי ארויפארבייטן און ווערן גרויסע קצבים! נישקשה, ווען מיר וועלן הארעווען פאר זיך אזוי שווער און ביטער ווי דא, וועלן מיר נתעשר ווערן!

דער יונגערער האט — אזוי ווי ס'איז געווען אבגערעדט — גלייך פערלאזט דעם פעטער און געווארן א שותף צו זיין מכלומר'שט „אמאליגן" הבר.

זיי האבן זיך געדונגען א יאטקע, געלאזט שעכטן א קעלבל, בעצאהלט שחיטה־געלד מיט אלע אנדערע הויכע כשרות־אבצאהלונגען וואס האבן שטארק פערטייערט דאס כשר'ע פלייש; גלייכצייטיג האבן זיי אבגעדונגען א קאמער אין א ווייטע נישט־אידישע הונטערגאס, וואו זיי האבן אליין געקוילעט נאך איין קאלב, וועמעס פלייש עס האט זיי אויסגעמאכט א שיבוש; בידע פליישן אויסגעמישט און פערדינט — גראב, פילפאסיג.

קונים האבן בידע געהאט לרוב. יעדער פון זיין פריהערדיגן בעל־הבית. זיי האבען צעטראגן חלקים פלייש אין די ווייטסטע געגנדן, געלאזן א פאר גראשן ביליגער, צוגעטיילט ביינער אומזיסט, אויסגעשניטן שענע פארציעס, קיינעם איז נישט איינגעפאלן אויף זיי דער מינדעסטער חשד, אז זיי זענען מאכיל טריפות. ס'טייטש, אזוי פיל יאהרען קויפט מען ביי זיי און קיין שום שלעכטס קיינמאל נישט געהערט.

זיי האבן געארבייט מיט גרויס פארזיכטיגקייט: געהאלטן אין יאטקע נאר אזוי פיל פלייש, וויפיל זיי האבן געלאזט שחט'ן ביים שוחט. טאמער איז געקומען א כשרות־קאנטראל, איז אלץ געפונען געווארן אין בעסטן ארדענונג. דאס טרפה'נע פלייש איז געווען בעהאלטן אין א נישט־אידישער הונטער־גאס און פון דארט האט מען יעדעס מאל אוועקגעטראגן חלקים צו די קונים, אדער געבראכט אין יאטקע א נישט אנזעהעוודיג שטיק.

פון וואך צו וואך האט זיך דאס „געשעפט" פערגרעסערט. זיי האבן שוין געלאזט שחט'ן בהמות; אויף א ערב שבת אדער ערב יום־טוב, — זאגאר צו עטליכע בהמות. אין דער זעלבער צייט האבן זיי ביינאכט, אין דער וויטער נישט־אידישער הונטער־גאס, געקוילעט אין א פערשטעקטער קאמער נאך אזא צאהל בהמות און האבן זיי ביליגער געלאזט. דערביי האבן זיי געשניטן די שענסטע חלקים פלייש, צווישן די אידישע בעל־הבית־טעס אין גאנץ קראקא איז געווארן בעוואוסט, אז ביי די צוויי נייע קצבים קען מען קויפן אמביליגסטן, זיי „שינדן נישט אזוי די הויט" ווי אנדערע קצבים. זיי האבען דאדורך צוגעצויגען פאר קונים, די רייכסטע הייזער פון קראקא. זייער פערמעגן איז געוואקסן פון טאג צו טאג. זיי האבן אבגע־קויפט א הויף מיט שטאלן, מיט א אייגענע דירה. פריצים פלעגן שוין קומען צו זיי, פארלעגן אבצוקויפן גרעסערע פארטיעס בהמות.

אנדערע קצבים זענען דורך זיי בדיל־הדל געווארן, אראבגעגאנגען פון מארק. קיינער האט מיט זיי נישט געקענט קאנקורירן. זיי זענען געווארן די געניטסטע פאכלייט אין דער בראנזשע. קיינער האט קיין קונה נישט געקענט פון זיי אוועקרייסן. זיי האבן אנגעהויבן זיך קליידן גרויסארטיג. שדכנים האבן זיי פארגעלעגט די שענסטע שידוכים. זיי האבן געגעבן נדבות אויף שטאדטישע צוועקן מיט דער ברייטער האנד. אינמיטן דער נאכט פלעגן זיי הארעווען אין דער געהיימער קאמער, אין דער גויאישער הונטער־גאס, ביים קוילען, אבשינדן, צעפערטלען, האקן און שניידן די טרפה'נע בהמות; אין דער פריה — אין דער יאטקע ביים כשר־געשאכ־טענעם פלייש. מיטאג־צייט, ווען ס'פלייש — דאס כשר'ע און טרפה'נע — איז שוין געווען אבגעלייזט, האבן זיי זיך אויסגעצירט אין שענע קליידער און שפאצירט איבער דער שטאדט מיט גרויס גדלות און חשיבות.

קיין ווייב, קיין קינד, קיין משרתים האבן זיי נישט געהאט, ממילא האט קיינער נישט געוואוסט פון זייערע שענדליכע מעשים און דער מינדעסטער חשד איז אויף זיי נישט געפאלן.

אויך דערנאך, ווען זיי האבען חתונה געהאט, האבן זיי ווייטער אזוי קונציג פערהוילן זייערע מעשים, אז קיין ילוד־אשה, אויסער זיי, זאל זיך נישט דערוויסן. נאך דער חתונה האבן זיי געפיהרט גרויסארטיגע הייזער,

געוועז גרויסע מכניס־אורחים׳ס, יעדער אורח חשוב, וואס איז געקומען אין שטאדט איז ביי זיי איינגעשטאנען. זיי האבן שוין בעוואוינט דאס שענסטע הויז אין קראקא. ביידע שותפים האבן פערנומען א גאנצע גרויסע הויז. עס איז ביי זיי געבוירן געווארן קינדער. די קינדער זענען אונטער־געוואקסן און מ׳האט צו זיי געהאלטן די בעסטע מלמדים און ערציהער. אין זייער הויז זענען אבגעגעבן געווארן געגוג צימערן פאר מלמדים, ישיבה־בחורים, איידעלע אידן. זיי האבן געקויפט אין שטוב אריין די טייערסטע כלים. די שענק זענען געווארן אלץ מעהר אנגעפיהלט מיט גאלד און זילבער, קריסטאל און טייערער פארצעלאן.

אזוי ווי נור א קינד איז אלט געווארען 13—14 יאהר, האט מען עס חתונה געמאכט מיטן שענסטן יחוס שידוך, אריינגענומען אין הויז אן׳ איידעם אדער שנור אויף קעסט, געלאזט ליגן דעם גרויסן נדן אונגע־ריהרט, פערקעהרט: געלאזט דערצו צוּוואקסן פראצענט און פראצענט צום פראצענט. זייער פערמעגן איז מיט יעדן טאג אלץ מעהר געוואקסן, אפילו בלויז אויפן כשר׳ן וועג האבן זיי היבש פערדינט, הייגט־זשע נאך אויפן טריפה׳נעם.

נאכן אבלויף פון לאנגע, לאנגע יאהרן איז מיט אמאל אריינגעטרעטען אן׳איבערברוך אין זייער שענדליכען מסחר, געקומען איז עס גאנץ אומ־דערוואָרטעט.

**א**יינמאל איז איינער פון די שותפים, אהיימקומענדיג פון הינטער־וועגנס, אדורכגעקעלטערטער א פערמאטערטער, אריין אין צימער פון זיין איידעם וועלכער איז געזעסען און געלערנט מיט התמדה. דער שווער, דער עם הארץ, האט זעהר באנומען דעם זיס־באנגליכער גמרא־ניגון, וואס זיין יונגיטשקער איידימ׳ל האט מיט א דין גלעקעל קול׳כעל אזוי הארציג גע־ציקלט. פלוצלונג דערהערט ער ווי דער איידעם לערנט:

— אז איינער עסט טרפות, אדער חלב, קומט איהם כרת! טאמער טהוט ער תשובה, איז עס איהם מכפר! אויב אבער ער טהוט נישט קיין תשובה, ווערט ער פאר דער צייט פערשניטן פון דער וועלט! אבער די מיתה פון כרת איז נאר אביסעל מכפר אויף זיינע זינד. דאס איבעריגע קומט ער אפ

אין גיהנום אויף יענער וועלט, אזוי לאנג ביז וואנען ער ווערט אויסגעליי־טערט און גערייניגט פון זיינע זינד!

— דאס אלץ איז — האט דער אידים ווייטער געלערנט אויב ער האט געגעסן בשוגג, אומגערן, דעמאלט איז די תשובה מכפר, טאמער אבער האט ער געגעסן במזיד, בפרט נאך אויב איינער האט מאכיל טרפות געווען א צווייטן במזיד, דעמאלט איז פאר זיין זינד אינגאנצען קיין תשובה נישטא און ער ווערט פערפאלן אין כף־הקלע אויף אייביגע, אייביגע צייטן! אפילו ווען ס׳וועט זיין תחית־המתים און אלע רשעים וועלן אויפשטעהן, וועט אבער ער, דער חוטא ומחטיא, נישט אויפשטעהן! אפילו ווען דאס גיהנום־פייער וועט פערלאשן ווערן, וועט ער אבער נישט פערלאשן ווערן, „גיהנום כלה, והם אינם כלים״.

דער עם־הארצישער שווער, דער מאכיל־טרפה׳ניק, האט טיף אראפ־געלאזט דעם קאפ, דערהערענדיג די ווערטער וואס זיין אידעם לערנט ארויס פון די הייליגע ספרים. עס איז איהם געווארן זעהר טרויעריג אויפן געמיט. ער האט זיך געטהון א דערמאהן, וואס איהם שטעהט־פאר אויף יענער־וועלט, פאר זיין מאכיל־טרפות זיין. קיין שום תשובה איז פאר איהם נישטא. אפילו ווען משיח וועט קומען און אלע טויטע, אויך די ערגסטע רשעים, וואס זענען שוין אבגעקומען זייער שטראף, וועלן אויפשטעהן פון די קברים תחית־המתים, וועט ער אבער ווייטער זיך וואלגערן אין שאול־תחתית. דאס פייער פון גיהנום וועט שוין זיין פערלאשן, אבער ער וועט ווייטער און ווייטער פלאקערן ביז דער אונענדליכקייט.

פינסטער איז איהם געווארן פאר די אויגן. ער האט געפיהלט ווי די גאל צעגיסט זיך אין איהם און עס ווערט איהם מורא׳דיג ביטער. מיט וואקעל־דיגע פיס, אט־אט אנידער צופאלן הלשות, האט ער זיך אויפגעהויבן און איז אריין צו זיך אין שטוב.

אז דאס ווייב האט דערזעהען זיין שרעקליכען מעמד, איז זי געבליבען דערציטערט. זיין תמיד רויט, פולבלוטיג, קצב׳יש פנים, איז דאסמאל גע־ווען בלייך ווי א מת און שוידערליך פערקרימט אין א יסורים׳דיגע גרימאסע. ער איז געטאהן א פאל־צו צו דער סאפע, אנידערגעווארפן זיך מיטן פנים אראפ און אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין, אז א





בּ'אסט איז איהר אריבער איבערן לייב. ער האט ארויסגעלאזט ריטשעדיגע קולות, ווי פון א געקוילעטע בהמה.

— וואס איז געשעהען ? ? ? — איז זי צו איהם צוגעפאלן, נישט וויסענדיג די סיבה פון זיין יאמערן און קלאגן.

ער האט אבער גארנישט געענטפערט. ער האט כסדר געיאמערט און געקלאגט, טרערן האבן געשטראמט פון זיינע אויגן, ער האט זיך געזעצט מיט די פויסטן אין קאפ אריין, אז ער האט שיעור דעם מות געפלעט. אן אויפהער האט ער געשריגן: „וועה איז צו מיר און וועה צו מיינע יאהרן!!!".

דאס ווייב איז געלאפן רופען דעם שותף, אפשר וועט יענער פון איהם ארויסקריגן, וואס עס איז געשעהן. דער שותף איז געקומען און איז אויך געבליבן דערציטערט, זעהענדיג דאס גרויליכע בילד און הערנדיג די יאמערליכע קולות.

— וואס איז דיר געשעהען ? ? ? — איז ער צו איהם צוגעשטאנען — רעד ווערטער ! ! ! מ'האט דיך בע'גנב'עט ? האסט פערלוירן א סך געלד ? טא איז וואס ? מיר זענען געזונט רייך און עס וועט זיך גארנישט אנזעהען דער שאדן !

אויך דאס ווייב איז ווידער אמאל צוגעשטאנען צום מאן מיט גוטע, הארציגע רייד :

— אונז פעהלט דאך ב"ה קיין שום זאך נישט. עושר, כבוד, גדולה, גוטע קינדער און גוטע איידעמס און שנירן ! אונזער הויז איז דאס שענסטע אין שטאט ! די חשוב'סטע אורחים קומען צו אונז, עסן ביי אונז און בעקומען די גרעסטע נדבות, טא ווי קען מען זיין אזוי פערצווייפעלט ? ? ?

עס האט לאנג געדויערט, ביז וואנען דער מאכיל־טרפה'ניק האט זיך אביסעל בערוהיגט און אנטשוויגן געווארען. זיין פנים איז געווען — חושך. ער האט געוויזן דעם ווייב א צייכן. זי זאל ארויסגעהן פון צימער. ער וויל רעדן א סוד מיטן שותף. ווען דאס ווייב איז ארויס פון צימער, דאמאלס האט ער — אויפסניי אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין, אנגעהויבן זיך ווארפן אין ספאזמען און קראמפן, אט־אט א אפאפלעקסיע צו קריגען...

דעם שותף איז דאס בלוט פארגליווערט געווארן און ער האט מיט אויפגעריסענע אויגן געווארט, צו הערן כאטש א ווארט וועגן דער סיבה פון

דאזיגן שרעקליכן געוויין.

ענדליך האט דער מאכיל־טרפות'ניק זיך געפאסט מוט, אנגעשטרענגט זיינע אלע כחות און געזאגט צום שותף:

— קום לאמיר ארויסגעז אין אונזער גארטן, אוועקגעהן ווייט, ווייט, כדי קיינער זאל נישט הערן אונזער שמועס!

זענען זיי ביידע ארויס אין זייער פּרעכטיגן גארטן, וואס איז ווערט געווען א פערמעגן און פריצים האבן זיי דערמיט מקנא־געווען. זיי זענען אריין אין א ווייטען און טיפן בוימער־געדיכטעניש און דארט האט דער מאכיל־טרפה'ניק ערשט בעקומען לשון:

— זאלסט וויסן, ליבער שותף מיינער, אז דער שטן, דער יצר־הרע האט אונז ביידע אומגליקליך געמאכט אויף אייביגע אייביגקייטן! דאס גאנצע גאלד און זילבער און דימאנטען און פערל און הייזער און גערטנער וואס מיר פערמאגן, האט קיין שום ווערט נישט, אקעגן די שרעקליכע פיין וואס אונז ערווארט באלד און גיך, אזוי אז אפילו דער טויט וועט אונז דערפון נישט אויסלייזן! מיר האבן שוין באלד די גרעסערע העלפט יאהרן אדורכגעלעבט, אבער אויך אן דעם האבן מיר שוין לאנג נישט צו לעבן, ווייל אונז ביידע קומט כרת, פערשניטן צו ווערן פאר דער צייט פון דער וועלט! טאמער וועסטו זאגן, אז דער טויט שרעקט דיר נישט, צוויי מאל שטארבט מען נישט, איינמאל מוז מען שטארבן און ס'איז דיר קיין גרויסע נפקא־מינה נישט פריהער צו שפעטער? — זאלסטו וויסן, אז טאקע ערשט נאכן טויט, זענען פאר אונז אנגעגרייט די שרעקליכסטע לידן, וואס קיין מענטש קען זיך עס גארנישט פארשטעלן!

דא האט ער איהם דערצעהלט וואס אזוינס ער האט נאר־וואס געהערט לערנען זיין אידים פון די הייליגע ספרים ארויס, וואס פאר א שווארצן סוף עס האט א מאכיל־טרפה, עס איז נישטא קיין שום כפרה און תשובה פאר זיינע זינד און ער האט צוגעגעבן מיט ביטערניש:

— דערמאהן דיך נאר, וויפיל צעהנדליגער יאהרן מיר זענען שוין מאכיל טרפות און וויפיל הונדערטער טויזענטער מענטשן עס זענען שוין דורך אונז געווארן געשטרויכלט מיט די הארבסטע עבירות!!! זעה וואס פאר א שטארקן כח דער שטן האט! אזא שטאט ווי קראקע, מיט לומדים, צדיקים און חסידים





און קיינעם פאלט נישט איין דעם קלענסטן חשד אויף אונז: אלע עסען פונ'ם פלייש, וואס מיר קוילען יעדע נאכט! די פרומסטע הייזער קויפן ביי אונז! אויף די שענסטע חתונות און ברית'ן וואו ס'איז פול מיט שטריימלעך, אטלעס און סאמעט, קומט אויפן טיש אונזער נבלות וטרפות, חלב און בלוט! וואס קומט אונז ארויס פונ'ם גרויסן עשירות, וואס מיר פארמאגן? עסן מיר דען מיט צוויי לעפעל? ווערט מען דען נישט זאט מיט ברויט און ציבעלע פונקט ווי מיט אייער־לאקשן און אינדיק? אונזערע פאר יאהר לעבן, וועלן אוועק לויפן ווי א שאטן, ווי א רויך, און ס'וועט נאך קומען יענע אייביגע וועלט, פונוואנען ס'איז קיין אנטרינונג נישטא. דארט וועט מען אונז אנטהון אזעלכע מורא'דיגע פיין, ערגער ווי הונדערט קאטארגעס צוזאמען! אונזער אמאליגן לעבן קליינערהייט ביים פעטער, אלס אבגעריסענע, בארוועסע און הונגעריגע יתומים, וועט אונז אויסזעהען ווי א גן־עדן אקעגן דעם ווי מ'וועט ברענען און בראטן אונזערע לייבער אין גיהנום!!

אז דער שותף האט דערהערט די דאזיגע ווערטער, האט איהם אויך ארומגעכאפט א ציטערניש. עס איז איהם געווארען פינסטער און זויער און ער איז שיער נישט אנידערגעפאלן חלשות פון פחד, פאר דער אונפארמיידליכער צוקונפט וואס איהם ערווארט.

א לאנגע צייט האבן ביידע געשפרייזט מיט אראבגעלאזטע קעפ אין פארכטיג שטילשווייגן. יעדער האט זיך פארגעשטעלט אין די געדאנקען, דעם רעש וואס וועט ווערן צווישן די שווארצע מלאכי־חבלה אין גיהנום, אין מאמענט ווען מען וועט זיי ביידע אריינברענגען געשטארבענערהייט; ספעציעלע קעסלען קאכעדיגע סמאלע און הייסע פעך וועט מען פאר זיי אונטערהייצן. אויף לאנגע גאפלען וועט מען זיי אויסשטעכן און שליידערן אין די הייס־קאכנדיגע קעסלען אריין. פון איין קעסל ארויס — אין א צווייטן קעסל אריין. זייערע יסורים'דיגע געשרייען וועט קיינער נישט פארנעמען, טויב וועלען זיין אלע אויערן פאר זייערע וועהטאגן. קיין שארך פון זייערע געשרייען וועט נישט דערגרייכן צום כסא־הכבוד. אלע טיהרן און טויערן וועלען זיין פאר זיי פארשלאסן, ווארום זיי זענען די ערגסטע זינדיגער. אפילו דער גרעסטער רשע אין דער וועלט, האט נישט אפגעטהון

במשך זיין גאנץ לעבן אזוי פיל שלעכטס, וויפיל זיי צעהנדליגער יאהרן האבן זיי מאכיל טרפות געווען, הונדערטער טויזענטער מענטשן האבן זיי מכשיל-געווען אין די הארבסטע זינד וואס גיבט נאר ביי אידן!

— ווייסטו וואס? — האט זיך אנגערופן איין שותף — לאמיר ביידע גיהן צום היגן רב זיך מתודה זיין פאר איהם אויף אונזערע זינד און דער־צעהלן אלצדינג וואס אונז האבען אפגעטהון במשך אונזער גאנץ לעבן, אפשר וועט ער אונז ארויסגעבן א תשובה! איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך די גרעסטע ליידן און בזיונות, אבי ניצול צו ווערן פון שווערן עונש און גיהנום. וואסערן בעדייט האבן דען די חרפות און יסורים אויף דער וועלט אקעגן די אונענדליכע, אייביגע גיהנום־פיין אויף יענער וועלט. דא אויף דער וועלט, איז דא צו אלע ליידן א טערמין, ביז דאנען און ווייטער נישט; דאגעגן אויף יענער וועלט דויערט אלץ ביז אייביגע איי־ביגקייטן! מיר האבן נישט קיין אנדערע עצה! ווייטער טרייבן אונזער שענדליכן מסחר האט קיין צוועק נישט!

ביידע שותפים האבען זיך גוט אויסגעוויינט און אנגענומען א פעסטן בעשלוס, נאך אין דעם זעלבן אוונד, אין די שפעטערע שעה'ן אריינגעהן צוזאמען צום קראקאווער רב זיך מתוודה־זיין פאר איהם און בעטן ער זאל זיי ארויסגעבן א תשובה אויף זייערע גרויסע זינד.

אין יענער צייט, ווען עס האט פאסירט די דא דערצעהלטע אכילת־טרפות־געשיכטע, איז אין קראקא געווען רב דער הייליגער בעל-מקובל און גרויסער צדיק הרב נתן שאפירא, מחבר פון קבלה־ספר „מגלה עמוקות״; דאס איז געווען א ג־טליכער מאן, א קדוש וטהור מיט אפענע ציכטיגע אויגן וואס האבן געזעהען אלצדינג וואס טהוט זיך אין פער־בארגענהייטן, וואס האבן אראפגעלייענט פון מענטשליכע צורות אלע זייערע מחשבות און טראכטענישן און געזעהען בעשיינפערליך אלע רמזים און סודות, וואס זענען פערבארגן צווישן די אותיות פון דער הייליגער תורה.

אבער אין דעם פאל האט דער שטן פערשטעלט זיינע ליכטיגע אויגן, ער זאל נישט זעהען די שרעקליכע זאכן וואס קומען פאר ארום איהם, אי דער שטאדט, וואו ער איז מרא דאתרא. די מורא'דיגע פערברעכנס, וואס

עס בעגעהען צוויי חשוב'ע בעל־בתים, חוטאים ומחטיאים את הרבים און די מכשולים אין די פרומסטע הייזער מיט די הארבסטע איסורים: נבלה, טרפה, חלב.

א סך מאל זענען במשך דער צייט אויסגעבראכן אין קראקא מגפות. אמאל צווישן דערוואקסענע, וועלכע פלעגן פלוצלונג קראנק ווערן, ליגן צו בעט עטליכע טעג און געהן פון דער וועלט יונגערהייד, און אמאל צווישן קינדער, וואס האבן נאך רעכט פון דעם לעבן ניט געגאסען און זענען פריהצייטיג פערשניטן געווארן.

דער מגלה עמוקות, דער רב פון שטאדט האט אפטמאל גוזר־תענית־געווען, גערופן אין שוהל אריין צו תשובה, תפילה וצדקה, צו פאסטן און תהלים־זאגן. די מגפה פלעגט זיך אויף א צייט אבשטעלן, ג־טס צארן — איינשטילן. אבער נאך א געוויסער צייט איז די מגפה ווידער אויסגעבראכן, מענשן זענען געפאלן ווי פליגן הערבסט־צייט און דאס גוטע ארט פלעגט פערזייהעט ווערען מיט א פרישע צאהל קברים, דערוואקסענע און עופה'־לעך.

דער מגלה עמוקות, דער הייליגער פאסטאך פון זיין סטאדע, האט גע־פיהלט בחוש, אז עפעס א פערבארגן פייער ברענט ערגעץ־וואו, אז שרעק־ליכע חטאים ווערן אבגעטהון אין פערבארגעניש, וואס רופן ארויס ג־ט'ס צארן אויף דער שטאדט. אבער דערגעהן, וואס, ווער, וואו — האט ער נישט געקענט. דער שטן האט אנגעגורט אלע זיינע כחות הטומאה און פערשטעלט די קלארע אויגן פון הייליגן מגלה עמוקות.

ביז וואנען אין איינעם א פשוט'ן אווענד, זענען אריינגעקומען אין זיין בית־דין־שטוב, די צוויי גרעסטע גבירים פון שטאדט, די צוויי קצבים־שותפים, וואס מיט זייער ברייטער האנד האבן זיי אויסגעהאלטן זעהר פיעל צדקה־אינסטיטוציעס, תלמוד־תורה'ס און ישיבות.

— ברוכים הבאים! — האבן די משמשים זיי מקבל פנים געווען מיט גרויס כבוד און גלייך געלאפן מעלדן דעם מגלה עמוקות, אז די צוויי חשובסטע גבירים פון שטאדט זענען געקומען.

ביידע קצבים־שותפים זענען תיכף אריינגעפיהרט געווארן אין דעם שעהנסטן צימער פון רב'ס דירה; מ'האט פאר זיי געברענגט ווייסע

פאטעלן צום זיצן. דער מגלה עמוקות האט זיי אויפגענומען מיט פיל כבוד, ווי עס פאסט פאר אזעלכע עשירים. די רביצין האט געברענגט כיבוד און אוועקגעשטעלט אויפן טיש. אבער די געקומענע האבן גארנישט געוואלט טועם זיין און געזאגט, אז זיי דארפן רעדן מיטן רב א זעהר וויכטיגע זאך. דערביי האבן זיי געבעטן, אז דער רב זאל אלע אנוועזענדע הייסן ארויסגעהן פון צימער, אדער ער זאל מיט זיי אריינגעהן אין א חדר מיוחד, וואו זיי זאלען קענען רעדן א גרויסן סוד.

תיכף ומיד איז זייער ביטע ערפילט געווארן. די טהיר איז געווארן אב־געשלאסן און דער רב מיט זיי בײדע זענען געבליבן אליין.

ביידע האבן דאן טרויעריג און מיט גרויס בושה אראפגעלאזט די קעפ און איינער פון זיי האט מיט א טרעהרן־געשטיקט קול, זיך מודה ומתודה געווען, אז שוין צעהנדליגער יאהרן ווי זיי זענען מאכיל טרפות, אז נישטא קיין איין אידיש הויז אין גאנץ קראקא, וואס איז נישט דורך זיי פער־טרפה'ט געווארן.

זיי האבן דערצעהלט בפרטות אלע זייערע איבערלעבענישן פון זייער קינדהייט אן אלס עלענדע קיילעכדיגע יתומים, ביז דער צייט ווען זיי זענען שטייך־רייך געווארן, ווי אזוי זיי האבן אנגעהויבן פון אריינמישן קליינע שטיקער טרפה פלייש אין קוישלעך מיט כשר פלייש; דאן — שעכטן איין קעלבל דורך א שוחט און א צווייטע אליין קוילען אין א בעהאלטענער קאמער אין א פערוואָרפן הונטערגאס, דערנאך — קוילען א בהמה, דערנאך — א סך בהמות און אזוי ווייטער און ווייטער, וואס אמאל אלץ מעהר און מעהר, פון וואס זיי האבן ממש אנגעשארט פעסער מיט גאלד און געקויפט זיך אלץ מעהר נחלאות...

אז דער הייליגער מגלה עמוקות האט דערהערט זייערע וידוי־ווערטער, איז איהם געווארן פינסטער פאר די אויגן און קאלטע אנגסטן זענען אויף זיין לייב ארויסגעטרעטן: ער איז אריינגעפאלן אין אהנמאכט און גענומען ציטערן און זיך ווארפן, אז די ציין אין זיין מויל האבן געקלונגען, מיט אלע כחות־אנשטרענגונגען האט ער ארויס געלאזט א הארץ שניידענדן קרעכץ.

— אוי־וועה! אזוי פיעל כשר'ע מענטשן, קדושים וטהורים, תינוקות של בית רבן און זייגעדיגע קינדער, זענען נעבעך דאדורך אומשולדיג פון דער





וועלט אוועקגעריסן געווארן!! איך האב אזוי פיעל מאל גוזר תענית גע־
ווען, גערופן אין שוהל אריין תהלים זאגן, אכטונג געגעבן אז ס׳זאלן אין
שטאדט קיין חטאים נישט זיין! ווער אבער האט זיך געזאלט ריכטן אויף
אזא מורא׳דיגן חורבן! פון הימעל האט מען עס מיר נישט געוואלט מגלה־
זיין! מ׳האט מיינע אויגן מיט דיקע ווענד פערשטעלט, אז כ׳זאל נישט
זעהען, נישט הערן און נישט וויסן!

אז די צוויי שותפים האבן דערהערט דעם רב׳ס פערצווייפלטע רייד, האבן
זיי אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין. אויך דער הייליגער מגלה
עמוקות האט ביטער געיאמערט, וואס אזעלכעס האט געקאנט פאסירן אין
דער צייט, ווען ער איז רב.

ווען זייערע אויגן זענען שוין געווען געשוואלן פון וויינען און די קוואלן
פון טרעהרן — אויסגעשעפט, האט דער רב געזאגט צו זיי מיט א אבלות׳־
דיג קול:

— געהט אהיים און צעברעכט אלע פליישיגע כלים, ווארום זיי זענען
דאך טרפה, דערנאך זאלט איהר קומען צו מיר!

באלד ווי זיי זענען ארויס, האט דער רב פונאנדערגעשיקט די שמשים
און אלע זיינע הויז־מענשען איבער גאנץ קראקא, אנזאגען דעם בעפעהל
פון רב, אז מ׳זאל צעברעכן אלע פליישיגע כלים, סיי די חמצ׳דיגע, סיי די
פסח׳דיגע, קיין שריד ופליט זאל פון קיין פליישיגע כלי נישט בלייבן; אויך
די ווייק־שעפלעך און זאלץ־ברעטער זאל מען פערברענען. קיינער זאל
נישט פרעגן פארוואס, נאר טהון אזוי ווי דער רב הייסט.

צומארגנס בעגינען, איז אין אלע קראקאווער שוהלן, בתי־מדרשים און
מנינים, דאס זעלבע אויסגערופן געווארן בפקודת הרב, מיט א הארבן
אנזאג, נישט צו קויפן לעת־עתה קיין־פלייש, נאר עסן מילכיגס. די ווער־
טער פון רב זענען געווארן בעקרעפטיגט מיט א חרם, אז ווער עס וועט
נישט פאלגן דעם רב׳ס בעפעהל און חס־זיין אויף די כלים, זאל ליגן אין
די „דריי אותיות״.

דאס גאנצע אידישע קראקא האט דאן אין איין טאג צעהאקט און צע־
בראקט אלע פליישיגע כלים. וואו מ׳איז געגאנגען און געשטאנען האט
געקלימפערט און געטרעשטשעט פון בערגער צעבראכענע שארבנעס. דאס

בילד איז געווען מורא'דיק; מענער, פרויען און קינדער האבן כסדר געשליידערט אין דער ערד טייערע פארצעלאן־טעלער, גאנצע סערוויזן, וואס איז צעשפרונגען געווארן אויף פיצפיצלעך. מ'האט געשלעפט פון אלע בעהעלטנישן ארויס שוין לאנג נישט־געניצטע כלים און, אן רחמנות זיי צעבראכן. אין גאנץ קראקא האט מען אפילו אויף קיין רפואה נישט בעקומען קיין איין פליישיגע כלי.

דאן זענעןביידע שותפים ווידער־אמאל געקומען צום רב מיט פערשעהמט און טרויערדיג־אראפגעלאזטע קעפ, כדי צו הערן, וואס זיי דארפן ווייטער צו טהון.

דער רב האט מעהר נישט געקוקט אין זייערע זינדיגע פרצופים אריין, אזוי ווי דער דין איז („מ'טאר נישט קוקען אין דער צורה פון א מענש א רשע"), נאר שטעהענדיג מיטן פנים צו דער וואנד צו זיי געזאגט:

— איך אליין בין נישט אומשטאנד אייך ארויסצוגעבן א תשובה! אומגעהויער גרויס איז אייער חטא! איך מוז דערויף האבן א בית־דין פון גרויסע רבנים, זיי וועלן אפשר קענען אייך ארויסגעבן א תשובה! דערווייל געהט אהיים! קיין שום פליישיג מאכל זאלט איהר נישט עסן און קיין שום ווין זאלט איהר נישט טרינקען, חוץ שבת, אויף יוצא צו זיין! איך וועל צונויפרופן קיין קראקא די רבנים און ווען זיי וועלן שוין דא זיין, דאמאלס זאלט איהר קומען!

זענען זיי ביידע אהיימגעגאנגען, געבראכענע, געהויקערטע, מיט אראפגעלאזטע אויגן כבושת גנב און זייערע פנים'ער זענען געווען שווארץ ווי די ערד.

אין גאנץ קראקא האט קיינער נישט געוואגט צו פרעגן די סיבה פאר וואס דער רב האט געהייסן צוברעכן אלע פליישיגע כלים. יעדער האט געהארכזאם געפאלגט דעם רב'ס בעפעהל, ווייל זיי האבן געוואוסט, אז אויב זייער הייליגער רב הייסט אזוי טהון — מסתמא איז ריכטיג.

און דער מגלה־עמוקות האט גענומען פונאנדערשיקן בריף צו פיהל רבנים און זיי בעטן צו קומען קיין קראקא אויף איין בעשטימטן טאג, כדי צו פסק'ענען בייזאמען א זייער שווערע הלכה.

אין קראקא, א שטאדט וואס איז געווען פול מיט חכמים וסופרים, איז קיין נייעס נישט געווען א צוזאמענפאהר פון רבנים, כדי צו בעראטן זיך וועגן א כלל־ישראל־ענין. קראקע איז געווען א צענטרום פון תורה און אידישקייט. קראקאווער לומדים און גאונים האבן גע'שמ'ט ווייט אין דער אידישער וועלט. אבער דאס צוזאמענגרופן דאסמאל קיין קראקא אזוי פיהל רבנים אויף אמאל און נישט מודיע זיין פאראויס וועגן וואס פאר א ענין עס האנדלט זיך, צו עפעס וועגן א גזירת המלכות, צו — א הארבע שאלת עגונה, כדי די רבנים זאלן, פארן קומען צופאהרן, זיך באקענען נעהנטער מיט דעם בעטרעפענדען ענין, — איז געווען פאר אלעמען א איבערראשונג.

וואס האט פאסירט?

אין בעשטימטען טאג, ווען אלע רבנים זענען שוין געווען פערזאמלט אין הויז פון מגלה עמוקות, דער קראקאווער רב, און אומזיסט איז געווען זייער אלעמענס בעמיהונג, צו דערגעהן וועגן וואס עס האנדלט זיך, האט דער רב געשיקט דעם בית־דין־שמש, רופן די צוויי שותפים־קצבים און ביזוואנען יענע זענען געקומען, געבעטן אלע רבנים אריינצוגעהן אין גרויסן בהמ"ד און פערנעמען די זיץ־פלעצער, וואס זענען פאר זיי צוגעגרייט געווארן.

די צוויי שותפים־קצבים זענען תיכף געקומען צו געהן בפקודת הרב, בעגלייט פון בית־דין שמש און האבן אנגעטראפן אין בהמ"ד א פירכ־טערליך בילד: אין א האלב־רונד, חצי גורן עגולה, זענען געזעסען הדרת־פנים'דיגע רבנ̇ים, מיט לאנגע, פאטריארכאלע בערד און געקרייזעלטע פאות, אין ברייט־ארבעלדיגע, אטלאסענע זשוביצעס אין זיידענע גארטלען מיט שטריימלען אויף די קעפ, זייערע געזיכטער האבן אויסגעדריקט ערנ־סטע ערווארטונג, פאר דעם אומבעקאנטן ענין, וואס דארף דא פאר זיי פארגעטראגן ווערן.

דער מגלה עמוקות, וואס האט אלס מרא־דאתרא פערנומען דעם אויבענ־אן האט מיט ציטערדיגע ליפן פון זיין קאלך־ווייס פנים, אויסגערופן מיט א פארכטיג קול צו די צוויי שותפים־קצבים:

— דערצעהלט נאכאמאל פאר דעם בית־דין־הגדול דאס שרעקליכע וואס איהר האט מיר דערצעהלט.

א לענגערע ווילע האט געהערשט אין ביהמ"ד א אימה'דיג שטילשווייגען.

בײדע קצבים־שותפים האָבן טרויעריג, און מיט בושה אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. װײנען האָבן זײ מער נישט געקענט, װײל די הערצער זענען בײ זײ שוין געװען פֿאַרשטײנערט און די קװאַלן טרערן — אױסגעטריקנט. מיט אַ פֿינסטערער קול, װי אַ מת פֿון קבר אַרױס, װאָס בעט אַ תּיקון פֿאַר זײַן זינדיגע נשמה האָט אײנער אָנגעהױבן און דער צװײטער האָט זײנע װערטער נאָכגעזאָגט:

— שױן אַ סך צענדליגער יאָהרן װי מיר האָבן מאַכיל טרפֿות געװען די קראָקאָװער אידן! מיר האָבן אַלײן געטױט אָקסן און קעלבער און פֿאַרקױפֿט עס פֿאַר כשר! אין אַלע קראָקאָװער אידישע הײזער איז אַרײנגעקומען אונזער טרפֿה פֿלײש! נישטאָ אין גאַנץ קראָקאָ קײן אײן אידיש הױז, װאָס זאָל נישט האָבן דורך אונז פֿאַר׳טרפֿה׳ט געװאָרן! מיר האָבן דאַדורך זיך ערװאָרבען אַ ריזיגן פֿערמעגן, געקױפֿט זיך הײזער, סעדער, גערטנער, ברילאַנטען, גאָלדענע און זילבערנע כלים, געטהון די שענסטע יחוס־שידוכים און געטײלט אַ סך צדקה! יעצט האָבן מיר חרטה אויף אונזערע מעשים! מיר װײסן, אַז מיר װעלן דאַדורך פֿון גיהנום קײנמאָל נישט אַרױס! ביז אָהער האָבן מיר נישט געװאוסט װי גרױס דער דאָזיגער חטא איז! מיר זענען עם הארצים, גראָבע יונגען, קײנער האָט מיט אונז קײנמאָל נישט געלערענט! פֿון קינדװײז אָן זענען מיר געװען קײלעכיגע יתומים! יעצט האָבען מיר זיך דערװאוסט! בעטען מיר דעריבער אַ תשובה! מיר זענען גרײט אָפּצוקומען אויף דער װעלט די ערגסטע חרפּות, אַבי צוקומען געלײטערט אויף יענער װעלט!

נאָר אײדער די צװײ שותפים־קצבים האָבן געהאַט פֿאַרענדיגט זײערע װידױ־רײד, האָבן די רבנים, דערציטערט פֿון דער מורא׳דיגע מעשה, װאָס זײערע אויערן האָבן דערהערט, אױסגעבראָכן אין אַ געװײן און — זיך קורע געװען... טײל רבנים האָבן פֿון צער זיך געװאָרפֿן אויף דער ערד און זיך צעיאָמערט אַזױ װי אויף דעם חורבן בית־המקדש.

—װעה, װעה! — האָבן די רבנים געקלאָגט — „כל המאבד נפש אחת מישראל, כאילו אבד עולם מלא (אַז אײנער מאַכט פֿערלירן אײן אידיש נפֿש, איז גלײך װי ער װאָלט פֿערלױרן אַ גאַנצע װעלט)! װיפֿיל אידישע נפֿשות זענען דורך זײ פֿאַר דערצײט פֿון דער װעלט געגאַנגען! צוליבן





דער מגלה עמוקות האט זיך אנגערופען צו די צוויי אריינגעקומענע, וועלכע זענען געבליבן שטעהן ביי דער טהיר מיט אראפגעלאזטע קעפ:

— צו זענט איהר גרייט מקבל צו זיין אויף זיך דאס אלץ וואס מיר וועלן אייך הייסן?

— יא!!! — האבן ביידע אפגעענטפערט מיט אלע זייערע כוחות — אפילו ווען איהר וועט הייסן, אז מיר זאלן זיך לאזן צושניידן אויף שטי־קער לעבעדיגערהייד, וועלן מיר עס מקבל זיין באהבה! מען וועט אונז נישט בעדארפן בינדן! מיר וועלן ליגן רוהיג און פארנעמען די יסורים שטילשווייגענד, קיין פיפס נישט ארויסלאזן, נאר זאגן: „עס זאל זיין א כפרה פאר אונזערע זינד!"

— טא הערט! — האט דער מגלה עמוקות צו זיי געזאגט — געהט אהיים און טהוט פונקט אזוי ווי מיר הייסן אייך: די זאכן פון אייערע קינדער, זייערע מלבושים און ציהרונג, זאלט איהר יעדן פון זיי אוועקגעבן און גלייך זאלן זיי זיך ארויסציהען פון אייך! דאגעגן אייערע ווייבער זאלט איהר לאזן בלויז די מלבושים און בעטגעוואנד, אבער נישט קיין ציהרונג! פאר אייך גופא זאלט איהר קיין מלבושים אויך ניט איבערלאזן, נאר בלויז איין אלט העמד אויפן לייב, א אלטע פאר הויזן מיט איין ארבע־כנפות א אלטע פאר לאטשן אויף די פיס און איין אלט געמיין מלבוש. דאס איבריגע וואס וועט איבערבלייבן, זאלט איהר אנלייגן אויפן הויף פון אייער הויז א גרויס פייער און דאס אלץ פערברענען! אלצדינג זאלט איהר אריינווארפן אין פייער און ס'זאל אייך קיין שום זאך נישט זיין קיין שאד: קליידער, ציה־רונג, מעבעל, וועש, קארעטעס, שליטנס, טייערע געשפאנען — פון אלעס זאל ווערן אש און קיין שריד ופליט זאל דערפון נישט בלייבן! דערנאך זאלט איהר פערקויפן אייער לעבעדיגן און טויטען פארמעגן: די פערד, די בהמות און עופות, די הייזער, די גערטנער, די פעלדער און וועלדער, און דאס געלד — פערברענען. אפילו אויף צדקה עס נישט צוטיילן, ווייל עס איז אסור בהנאה! אייערע ווייבער זאלן זיך דאן אויפהאלטן ביי די קינדער! און ווען איהר וועט שוין האבן דאס אלץ דורכגעפיהרט, זאלט איהר קומען צו מיר און איך וועל אייך זאגן, וואס איהר דארפט ווייטער טהון!





ביידע שותפים־קצבים זענען גלייך אהיימגעלאפן און געטהון אזוי ווי
ער מגלה עמוקות האט זיי געהייסן. זיי האבן ארויסגעגעבן זייערע קינדער
יי זאכן וואס געהערן צו זיי און זייערע ווייבער די נויטווענדיגסטע
מלבושים און בעטגעוואנד. דאס איבריגע האבן זיי ארויסגעטראגן אויפן
הויף, בעגאסן מיט נאפט און אונטערגעצונדען. בשעת עס האבן געברענט
יי טייערע חפצים, וועלכע זיי האבן ערווארבן במשך פון פיל צעהנדליגער
אהרן, האבן זיי זיך אומגעהויער געפרעהט.

— אזוי זאלען ברענען אונזערע חטאים! — האבן זיי געזאגט פול מיט
הארץ — בעסער זאלן אונזערע זאכן ברענען, איידער אונזערע נשמות
אין גיהנום!

נישט אזוי געשווינד האט געקענט דורכגעפיהרט ווערן דאס פערברענען
ייער גאנץ פערמעגן. לאנגע, לאנגע טעג האט דאס פערנומען. און ווען
פון זייער גאנץ פערמעגן איז שוין נישט געהאט איבערגעבליבן קיין מינ־
דעסטן, — דאמאלס זענען זיי אוועק צום רב און דער מגלה עמוקות האט
זיי ארויסגעגעבן דעם וויטערדיגן טייל פון דער תשובה.

— יעצט — האט דער מגלה עמוקות געזאגט צו די צוויי קצבים־שותפים,
די בעלי־תשובה — נאכדעם ווי איהר האט שוין פערברענט אייער גאנץ
האב־און־גוטס און איבערגעלאזט פאר זיך בלויז דאס נויטיגסטע כדי דאס
נאקעטע לייב צוצודעקן — זאלט איהר אייך ארויסלאזן איבער דער שטאט
בעטלען! פון טהיר צו טהיר זאלט איהר געהן, צו די היימישסטע, צו די
נאהנטסטע, נישט רעכענען זיך מיט קיין שום בושה, נאר אומעטום אויס־
שטרעקן א בעטלהאנד נאך א נדבה! א פרוטה צו א פרוטה זאלט איהר
צונויפלעגן און אז איהר וועט שוין האבן צונויפגעזאמלט עטליכע גילדן,
זאלט איהר געהן אויפן אלטווארגמארק, וואו מען פערקויפט אלטע, אפ־
געטראגענע מלבושים און דארט זיך קויפן א פאר אלטע לייווענטענע הויזן,
א אלטע ארבע־כנפות, א פאר אלטע צוריסענע שיך און א אלטע אויסגע־
ריבן ווינטער־היטל. די דאזיגע מלבושים זאלט איהר אנטהון און דאס וואס
איהר טראגט יעצט אויף זיך, זאלט איהר אויך פערברענען, ווייל דאס איז
א איבערבלייבעניש פון אייער פערמעגן, וועלכעס איהר האט ערווארבן
דורך מאכיל־טרפות־זיין אידן און עס איז דעריבער אויך אסור בהנאה!

מיט איין ווארט: אויף אייער לייב זאל זיך ניט געפינען קיין שום פאדעם פון טרפה פארדינטע געלד, נאר פון אויסגעבעטנס, וואס גוטהארציגע מענשן האבן אייך געשאנקען! געהט און טהוט ווי איך הייס אייך! ווען איהר וועט שוין האבן דאס דורכגעפיהרט און אויף אייערע לייבער וועט מעהר נישט זיין קיין שריד ופליט פון אסור בהנאה׳דיגן פערמעגן, דאמאלס זאלט איהר ווידער אמאל צו מיר קומען, וועל איך אייך ווייטער זאגן וואס איהר האט צו טהון!

— מיר וועלן טהון, הייליגער רבי, אזוי ווי איהר האט אונז געהייסן! — האבןביידע געזאגט מיט גרויס שמחה — מיר ווילן בעסער פערשעהמט ווערן דא אויף דער וועלט איידער דארט אויף יענער וועלט!

ווען מ׳האט אין קראקא דערזעהן ארומגעהן בעטלען איבער די הייזער, די נעכטיגע צוויי גרעסטע גבירים פון שטאט, איז די איבערראשונג און די שטוינונג געוועזן געוואלדיג גרויס. כאטש זיי האבן זייער שוידערליך, נשתנה־צורה׳דיג אויסגעזעהען, האט מען זיי דאך פארט דערקענט און א גרויל האט יעדן אנגעכאפט פון אנבליק אויף זיי.

פון רחמנות האבן פיל געוואלט זיי געבן גרעסערע מטבעות, אבער מעהר ווי א איינאיינציגע פרוטה האבן זיי נישט געוואלט נעמען.

— זאל אונז דאס צונויפבעטלען אויף אביסעל אנטהועכץ, נישט אזוי לייכט אנקומען! — האבען זיי געזאגט איינער צום אנדערן — מיר טארן נישט זיין קיין גרעסערע מיוחסים ווי יעדער ווילד־פרעמדער שלעפער וואס קומט אין שטאט אריין און געהט איבער די הייזער! אנדערש וועט עס זיין נהנה־געוועזן פון דער צייט, ווען מיר האבען געשפילט א גבירישע ראלע אין שטאט, דורך אונזער מאכיל־טרפות־זיין און אנשארן פעסער מיט געלד!

האט עס דעריבער געדויערט עטליכע טעג, ביז וואנען זיי האבן אנ־געקלאפט אין יעדע טהיר, בעקומען א פרוטה און צונויפגעזאמעלט עטליכע גילדן.

ענדליך זענען זיי געקומען צום מגלה עמוקות אין א פאר גראבע לייוענטענע הויזן נישט לויט זייער מאס, צוקנייטשטע, צוקנארעטע, א

לאטע אויף א לאטע מיט גראבע שטעך געניייט; אויף די פיס א פאר אלטע הילצערנע כאדאקעס, וואס האבן דומפ אבגעהילכט ביים געהן, ווי פון ארעסטאנטן־קאטארזשניקעס און אויפן קאפ — א צעהאדערטע, וואטענע קוטשמע, פון בארג מיסט אראפ. צו דער דאזיגער שרעקליכער הלבשה, איז נאך זייער פנים געווען געל ווי וואקס, פון נישט עסן און נישט שלאפן און מיט איינגעגעסענעם ברוד, פון נישט וואשן זיך.

אז דער מגלה עמוקות האט זיי אנגעקוקט און אין די געדאנקען געמאכט א פערגלייך צו זייער גבירישן אויסזעהן מיט א קורצע צייט צוריק, ווען זיי זענען צו איהם געקומען ס'ערשטע מאל — איז ער שיער אין חלשות אני־דערגעפאלן... מיט זודיגע טרערן האט זיך דער מגלה עמוקות בעגאסן און זיין הארץ האט זיך איהם צונויפגעקארטשעט פון רחמנות אויף די צוויי אזוי שטארק ליידענדע בעל־תשובה׳ס.

— רבונו של עולם! — האט דער מגלה עמוקות געטהון א געשריי־ארויס מיט אויפגעהויבענע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענד צום הימעל — זעה וואס פאר א טייער פאלק דו האסט! אויף וואס פאר א קרבנות אידן זענען אלץ גרייט פאר דיינעטוועגן, כדי צו הייליגן דיין נאמען און מפרסם־זיין דיין גרויסקייט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט! ביי קיין שום אומה ולשון ווערסטו דאך דאס נישט געפינען, אפילו צווישען די בעסטע! היינט־זשע צווישן אזעלכע רויהע פראסטאקעס, ווי די צוויי בעלי־תשובה, וואס האבן קיינמאל נישט געלערנט און ווייסן רעכט נישט, וואס אידישקייט איז אזוינס! קיילעכיגע יתומים פון קינדווייז אן און זיי קענען אפילו רעכט נישט דאווענען!

דער הייליגער מגלה עמוקות האט געוואלט זיי זאגן דעם ווייטערדיגן פארגעשריבענעם טייל פון דער תשובה, וואס דאס בית־דין־הגדול פון רבנים האט פאר זיי אויסגעארבייט, אבער ער איז נישט אימשטאנד געווען צו עפענען זיין מויל. דאס הארץ האט אין איהם געטריפט מיט בלוט צוזע־הענדיג די פיין פון ביידע בעלי־תשובה׳ס.

ער האט זיך דאך מיט אלע כוחות געשטארקט און אנגעהויבן:

— זייט וויסן, אז די גאנצע צייט וואס אייערע גופים ווערן פערצעהרט פון תשובה און חרטה, לייד איך נישט ווייניגער פון אייך! איך עס קוים

להחיות את נפשי און שלאף בלויז געצעהלטע מינוטן אין מעת־לעת! איך הער נישט אויף צו קלאגן און וויינען דערויף, וואס אזא מורא׳דיגע זאך האט געקענט פאסירן אין דער שטאט, וואו איך בין מרא־דאתרא! איך וואלט זעהר וועלן פערגרינגערן אייערע לידן און פערשאפן אייך וואס ווייניגער בזיונות! אבער ווייל איהר זענט מיינע ברידער, קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, וויל איך דאך אז איהר זאלט ניצל ווערן מדינה של גיהנם, מוז איך גובר־זיין מיין רחמנות און אייך הייסן טהון אזוי ווי דאס בית־דין־הגדול האט פארגעשריבן! פונקט ווי א דאקטאר א כירורוג, טאר נישט זיך איבערנעמען מיט די יסורים פון קראנקען ביים שניידן זיין לייב, נאר אריינדרינגען מיטן מעסער אלץ טיפער און טיפער אין די פוילענדע ערטער און זיי אויסשניידן ביז צום ביין און אמאל אפילו דעם ביין אויך אויסקראצן, אזוי טאר איך אויך נישט חס־זיין אויף אייערע גופים, נאר זיי אויספייניגן מיט די ערגסטע שמערצן, אבי אייערע נשמות מציל צו זיין פון אייביגן גיהנם־פייער!

אלזא, הערט, וואס איהר האט ווייטער צו טהון: איהר זאלט ביידע געהן איבער אלע שוהלן און בתי־מדרשים פון גאנץ קראקא, בעת זיי זענען איבערפולט מיט מתפללים, ארויפגעהן אויפ׳ן בימה און אויסרופן בקול רם:

— רבותי! מיר זענען פושעים! עוכרי ישראל! א סך צעהנדליגער יאהר האבן מיר אייך מאכיל טרפה געווען. פעראומגליקט אייך און אייערע נשמות מיט נבלה און חלב! ווער ווייסט וויפל נאהנטע אדער קינדער פון אייך זענען צוליב דעם פאר דער צייט, יונגערהייד פערשניטן געווארן פון דער וועלט, געהאט כרת! מיר זענען זיך דערויף עפענטליך מתוודה און מיר בעטן אייך, אז איהר זאלט אונז מוחל זיין און אויך מתפלל־זיין צו ג־ט, אז אויך ער זאל אונז מוחל זיין!

איהר זאלט שטעהענדיג אויפ׳ן בימה אזוי לאנג יאמערן און קלאגן און רייסן זיך די האר פון קאפ ביז וואנען דער גאנצער עולם וועט ווערען גערירט פון אייער געוויין און זאגן, אז זיי זענען אייך מוחל במחילה גמורה און זיי וועלן בעטן צו ג־ט, אז אויך ער זאל אייך מוחל זיין.

דאן זאלט איהר פאר׳ן סוף דאוונען זיך אנידערלעגן אויף דער שוועל פון

דער טהיר און בעטן, אז אלע וואס וועלן ארויסגעהן, זאלן אויף אייך ארויפטרעטן און אייך שפייען אין פנים אריין.

די גאנצע צייט, וואס איהר וועט אזוי ליגן אויף דער ערד און דער ארויסגעהענדיגער עולם וועט אויף אייך ארויפטרעטן, זאלט איהר זאגן וידוי פון דער יום־כפור'דיגער שמונה־עשרה און קלאפן זיך אין הארצן „על־חטא"!

ווען איהר וועט שוין האבן אזוי געטהון אין אלע קראקאווער שוהלן און בתי־מדרשים, קיין איין בית־תפלה נישט פערפעהלט, דעמאלס זאלט איהר ארויסגעהן אויפ'ן בית־החיים און זיךווארפן אויף די קברים פון די צדיקים און אלע לעצטנס פערשטארבענע; איהר זאלט בעטן מחילה ביי די הייליגע צדיקים און נפטרים, אז זיי זאלן פאר אייך מתפלל־זיין און זיין מליצים־טובים פארן כסא הכבוד פאר אייערטוועגן.

נאך דעם אלעס זאלט איהר פערלאזן קראקא אויף דריי יאהר צייט, איהר זאלט וואנדערן נאר צו־פוס, שטענדיג זיין נע־ונד, נישט אויפהאלטן זיך אויף איין ארט לענגער ווי איין מעת־לעת, חוץ אין שבתים און ימים־טובים. קיין שום יועטער, קיין רעגען, קיין האגל, קיין שניי און קיין זאוויערוכע זאל אייך נישט אפהאלטן פון כסדר'דיגן וואנדערן. וואו איהר וועט נעכטיגן היינט זאלט איהר נישט נעכטיגן מארגן. אין יעדן אידישן ישוב וואו איהר וועט קומען, זאלט איהר קודם כל געהן אין שוהל אריין, ארויפגעהן אויפ'ן בימה און אויסרופן:

— אידן, זייט וויסן, אז מיר זענען פושעי־ישראל! מיר האבן עטליכע צעהנדליג יאהרן מאכיל טרפות געווען! איצט טהוען מיר תשובה און מיר בעטן אייך, אז איהר זאלט מתפלל זיין פאר אינזערע נשמות, אז זיי זאלן האבן א תיקון!

א גאנצע וואך זאל קיין פליישיג מאכל נישט קומען אין אייער מויל, חוץ שבתים און ימים־טובים, אבער אויך דאמאלס — בלויז נאר יוצא צו זיין, א כזית פלייש קוים. שלאפן זאלט איהר אויף דער הוילער ערד מיט א שטיין צוקאפנס. די גאנצע צייט זאלט איהר בעטלען, אבער נאר אזוי פיל, כדי איבערצוקומען דעם טאג בצמצום, אבי די נשמה זאל זיך אין אייך דערהאלטן. אויף מארגן זאלט איהר קיינמאל גארנישט איבערלאזן.

אז איהר וועט אייך אזוי פיהרן 3 יאהר צייט, זאלט איהר צוריקקומען צו־פוס קיין קראקא, אויב איך וועל נאך דעמאלט לעבן, וועל איך אייך זאגן וואס איהר האט ווייטער צו טהון, טאמער וועל איך חס ושלום זיך שוין מעהר נישט געפינען צווישן די לעבעדיגע, וועט ביי מיין ממלא מקומי זיך געפינען א פער'חתמ'עטן בריף מיט אנווייזונגען, ווי אזוי איהר זאלט זיך נוהג זיין ווייטער.

צווייטער טהייל

# אין די שטאדט קראקא

ב. סאקאלאוו

## נאכן פסק פון בית־דין של מטה דער פסק פון בית־דין של מעלה

גלייך פון דער בית־דין שטוב פון מגלה־עמוקות, האבןביידע שותפים־בעלי־תשובה, זיך ארויסגעלאזן אויף זייער וואנדער־וועג, כדי תיכף אנ־צוהויבן אפקומען פאר זייערע זינד. זיי האבן זיך אפילו מיט זייערע ווייבער און קינדער נישט געזעגנט פארן ארויסלאזן זיך אין אזא פיינפולן וועג, נאר נישט מיטנעמענדיג מיט זיך גארנישט, הויל און בלויז, ווי זיי שטעהען און געהען האבן זיי גלייך פערלאזט זייער היים־שטאדט.

קיין שום ציל האבן זיי נישט געהאט פאר זייערע אויגן. עס איז קיין חילוק נישט געווען, ווען ערגעץ־וואו אנצוקומען, וואס פאר א ארט דאס וועט זיין, ווי עס הייסט און צו עס איז א אידישער אדער נישט־אידישער ישוב. פערקעהרט, זיי האבן ליבערשט געוואלט בלאנקען וואס לענגער היינטער־וועגנס, אין איינזאמען פעלד אדער וואלד, אונטערן פרייען הימעל, ערנעהרן זיך מיט ווילדע געוויקסן און שטילען דעם דורשט מיט סאדעווקע־וואסער. אבי צו קיין מענשליכע גאב נישט אנצוקומען.

ווען זיי זענען ארויסגעקומען הונטער דער שטאדט און ארומגעזעהען זיך,

אז פון איצט אן וועט יעדער שפאן ערד זיין זייער געלעגער און יעדער שטיין — זייער צוקאפנס, — האבן זיי זיך ערשט רעכט אבגעגעבן א דין־וחשבון, ווי נאריש עס איז געווען זייער יאגן זיך נאר עשירות און כבוד און אפטהון דערפאר דאס ערגסטע אין דער וועלט. די פרייע נאטור און זייער נישטיג בעדערפעניש, האט זיי ערשט קלאר געמאכט, אז דעם ציל פון מענשנס לעבן איז נישט, כדי וואס מעהר רייכטימער אנצוזאמלען און וואס מעהר כבוד בעקומען צוגעטיילט, נאר כדי צו זיין א עהרליכער מענש צו האבן א אונבעפלעקט געוויסן, נישט צו בעגעהן קיין פערברעכנס און נישט צו פערזינדיגן זיך און אנדערע.

מיט קוראזש פון מקבל־זיין אויף זיך יסורים באהבה האבן זיי ביידע געשפאנט אויף א זייטיגע וועג, נישט וויסנדיג רעכט וואוהין זי פיהרט. זיי האבן געשפרייזט שווייגענדיג, מיט פערשטומטע מיילער און אראפגע־לאזטע אויגן, יעדער פערטראכט אין זיינע אייגענע געדאנקען.

וואס פאר א שעה איז איצט? צו איז נאך לאנג צו נאכט? וואס פאר א וועטער קלייבט זיך צו זיין? צו האלט עס נישט פאר א רעגן?—דאס האט זיי לגמרי נישט אינטערעסירט. ווען די נאכט וועט צופאלן, דארט וועלן זיי זיך אנידערלעגן און וואו עס וועט זיי בעגעגענען א רעגן אדער א שטורם, דארט וועלן זיי אויסזוכען א ארט, כדי דאס נאקעטע לעבן צו בעשיצן.

פון מאל צו מאל האבן זיי געצעהלטע ווערטער צווישן זיך אויסגעטוישט, אבער אזעלכע רויהע, שלא מן־הישוב׳דיגע, גארנישט ווי צוויי געוועזענע גרויסע סוחרים, וועלכע האבן ערשט מיט עטליכע וואכן צוריק ריזיגע געשעפטן געפיהרט. די תשובה וואס זיי האבן מיטן גאנצן הארץ אויף זיך גענומען, האט זיי אויפאמאל געמאכט פאר צוריקגעשטאנענע ברואים, וועלכע האבן מיטן מענשליכן לעבן קיין שום געמיינזאמעס נישט מעהר.

ווען זיי זענען געווארן געצוגן פערמאטערט פון געהן, אז די פיס האבן זיך זיי אונטערגעבראכן, האבן זיי זיך אנידערגעווארפן אויף דער גאלער ערד אין א לאך, איינער נעבן אנדערן און אנטשלאפן געווארן. ווען זיי האבן זיך אויפגעכאפט, האבן זיי קיין אינטערעס נישט געהאט צו וויסן, ווי שפעט עס איז, מיטן טאג צוגלייך זענען זיי ווידער אויפגעשטאנען און זיך גע־לאזן אין ווייטערדיגן וועג.

אז דער הונגער האט זיי אנגעהויבן דערקוטשען, דאמאלס האבען זיי מיט די אויגן געזוכט אין דער ווייטקייט עפעס א כאטע און געשפאנט אהין, כדי אויסצובעטלען עפעס־וואס צו עסן כדי די נשמה צו דערהאלטן. א שטיקל פערדארט ברויט מיט א קווארט ברונעם וואסער, איז פאר זיי גענוג געווען. קיין מילך אדער אביסעל געקעכטס, האבן זיי ביי א אידישן ישובניק נישט געוואלט אננעהמען און טאמער איז אזעלכער א בעל־מכניס־אורח צו זיי דרינגליך צוגעשטאנען, אז דווקא זאלען זיי ביי איהם מיטהאלטן מיטאג אדער וויעטשערע און בלייבן איבערנעכטיגן אין קיך אויף דער שלאפבאנק, — דאמאלס האבן זיי איהם מיט א פינסטער קול ערקלערט:

— ר׳ איד! מיר זענען פושעי־ישראל! מיר האבן צעהנדליגער יאהרן לאנג מאכיל־טרפות־געווען! מיר זענען אפילו נישט ווערט, אז איהר זאלט אונז לאזן אייער שוועל אריבערטרעטן! אויך דאס שטיקל טרוקענע ברויט מיט וואסער, וואס איהר גיט אונז, איז צופיעל! אבער מיר מוזן דאס אנ־נעהמען, ווייל מיר פאלן פון הונגער!

אפגעזאגט די ווערטער, האבן זיי זיך אויסגעדרעהט און אוועק.

אז זיי זענען, געהענדיג אזוי צײלאז, דאך צו א שטאדט אדער שטעדטל אנגעקומען, זענען זיי גליך אוועק אין קהל׳שן ביהמ״ד און געווארט אויף מנחה־מעריב, ווען דער עולם וועט זיך צענויפקומען. דאמאלס זענען זיי ארויף אויפן בימה, געבעטן, אז ס׳זאל זיין א מינוט שטיל און אויסגערופן:

— אידן, מיר זענען פושעי ישראל! מיר האבן צעהנדליגער יאהרן מאכיל טרפות געווען! מיר האבן חרטה און טהוען יעצט תשובה אויף אונזערע זינד! בעט פאר אונז, זייט מתפלל, טייערע אידן, אז אונזערע נשמות זאלן האבן א תיקון און זאלן נישט פערפאלן ווערן אין כף־הקלע אויף יענער וועלט!

אפגיזאגט די ווערטער, האבן זיי זיך יאמערליך צעווײנט, געזעגט מיט די פויסטן אין קאפ אריין און ווען דאס דאווענען האט זיך געענדיגט, האבן זיי זיך אוועקגעלעגט אויף דער שוועל פון ביהמ״ד און געשריגן:

— אידן, האט אויף אונז רחמנות, טהוט אונז א טובה און טרעט ארויף אויף אונז! שפייט אין אונזערע פרצופים אריין, וועלן דאדורך אונזערע נשמות האבן א תיקון!

וואו־נישט־וואו פלעגט ווער מטיל־ספק־זיין אין דער אויפריכטיגקייט פון זייערע ווערטער און אנגענומען עס פאר א נייעם סארט אנשטעל פון שווינדלער, וואס ווילן אזוי ארום א גרעסערע נדבה ארויסבעקומען. ווען אבער זיי האבן ביי קיינעם קיין גראשן א נדבה נישט געוואלט צונעהמען, נאר בלויז זעלטן ביי ווען אביסעל איבערגעשטאנען מילכיג געקעכטס פאר שטעהענדיגערהייד אין פאדערהייזל אדער ביי דער טהיר אויפגעגעסן, און דערנאך גלייך אוועק אין דער הכנסת־אורחים־שטוב, וואו זיי האבן זיך אויף דער גאלער ערד אוועקגעלעגט מיט א שטיין צוקאפנס און אזוי אדורכגעשלאפן די גאנצע נאכט, כאטש ס׳זענען דארט געווען בעטלאך מיט דעקעס פאר ארימעלייט, — דאמאלס האט מען איינגעזעהען, אז זיי זענען נישט קיין שווינדלער, אז זיי ווילן ביי קיינעם גארנישט אויסנארן און מ׳האט אויף זיי רחמנות בעקומען און צוגעוואונשן, אז זייער תשובה זאל אנגענומען ווערן פארן כסא־הכבוד, ווי דער גרעסטער קרבן און שמעקעדיג־סטער קטורת.

בלויז פרייטאג צונאכטס און שבת אין דער פריה, פלעגן זיי גערן מיט־געהן אלס אורחים מיט א בעל־הבית וואס האט זיי אהיימגענומען צו דער שבת׳דיגער סעודה. שבת האבן זיי מעהר־ווייניגער א מענשליכער פנים געהאט, ווייל פארנאכט האבן זיי דעם שטויב פון די קליידער און שיך אראפגעשאקעלט און דעם ברוד פון פנים און הענד אפגעוואשן. ביים עס טיש פלעגן זיי זיצן, אויף א ברעג בענקל און פון יעדן מאכל וואס מ׳האט זיי דערלאנגט, מעהר נישט ווי טועם־זיין, בלויז פון יוצא ווערן, לכבוד שבת. זיי האבן געבעטן ברויט און א קווארט וואסער און דערמיט בעיקר דעם הונגער געשטילט. אפגעגעסן און אפגעבענשט, זענען זיי גלייך אוועק אין הכנסת־אורחים־שטוב. כדי אויסצורוהען זייערע מיד און מאטע גופים, פון דער גאנצער וואך צייללאז וואנדערן.

אזוי לויט דעם סדר, אהן שום ענדערונגען און נישט־זוכענדיג צו פער־גרינגערן זיך עטוואס די פיין און מאטערנישן זענען ביי זיי אדורך טעג און וואכען און חדשים. די צייטן פון יאהר האבן זיך געענדערט, וועטערן האבן זיך געטוישט, אבער ביי זיי איז קיין שום שינוי נישט אריינגעטראטן. די זעלבע מלבושים — סיי אין היץ, סיי אין קעלט, סיי בייטאג, סיי ביינאכט,

סיי אין דער־וואכנס, סיי שבת און יום־טוב — האבן זייערע אפגעצעהרטע לייבער צוגעדעקט, גערינצעלט, געקנייטשט, געבראכן און געבויגן זענען זיי געווארן. פון זייערע פנים׳ער איז פערשווינדן דער לעצטער שפור פון זייער אמאליגע געקעכעלטקייט און בעקוועם לעבן, אזוי ווי אייביגע שנארער פון דור־דורות, האבען זיי אויסגעזעהען, מיטן בלויזן אונטערשיד, וואס צו זייער פלייצע איז קיין שום טארבע נישט גיווען צוגעבונדען, ווארום גארנישט האבן זיי פערמאגט, כדי אין א טארבע אריינצולעגן.

אבער טראָץ זייערע ליידן — קעלט, הונגער, צעבראכענקייט — איז דאך זייער מוט און דער באשלוס פאר ליב צו נעהמען די ליידען — אויף קיין מינדערסטן קיינמאל נישט געבראכן געווארן. זיי האבן נישט געזוכט אין א וואכנטאג, אויסצורוהען זיך פון כסדר׳דיגן וואנדערן, אדער צו פערגינען זיך איינמאל בעסער אפצועסן. אפטמאל האט מען זיי דאס אויסדריקליך אנגעבאטן, נישט איינמאל איז אין זייערע נאזלעכער אויפגעאגנגען שמע־קעדיגע ריחות פון מאכלים בעת זיי זענען געשטאנען ביי א קיך־טהיר און אויסגעשטרעקט א אפגעמאגערטע בעטל־האנד נאך א אלט שטיקל ברויט אדער אפגעשטאנען ביסעל מילכיגס געקעכטס. פעלזען־פעסט זענען זיי געווען ביי זיך צו לידן און לידן, אבי אויף דער וועלט אלצדיגג אפצוקומען.

דריי קיילעכיגע יאהר זענען אזוי אדורך איבער די צוויי שותפים — בעלי־תשובה, דריי יאהרן פון אונגעוועהנליכע ליידן. זייערע קערפערס, די אמאליגע, פולבלוטיגע, קצבישע גופים, זענען דורך דער צייט געווארן איינגעשרומפן, פערטריקנט, חושכ׳דיג און צו דער ערד געבויגן. די מינ־דערסטע הנאה פון לעבן האבן זיי במשך די גאנצע דריי יאהר נישט געהאט. פערקעהרט, זיי זענען אנטלאפן מיילען־ווייט פון יעדע זאך, וואס קען עפעס פערגעניגן פערשאפן, כדי נישט צו קומען צו קיין נסיון. במשך די גאנצע דריי יאהר האט זיך קיין איינציג מאל קיין שמייכל אויף זייערע פנימער נישט בעוויזן, קיינמאל האבן זיי נישט געטאגט וואו זיי האבן גענעכטיגט. כסדר, אהן אויפהער, האבן זיי געוואנדערט. זומער — בארוועס אונטער דער ברענענדיגער זון, וואס האט געבראטן זייערע מאגערע לייבער. די זוילן פון זייערע פיס זענען דאדורך געווארן פערהארטעוועט ווי פאדעשווע־

לעדער, נישט ווערענדיג מעהר צעבלוטיגט דורך שפיציגע שטיינער און ואפטשענדיג אהן שוידער אין טיפע בלאטעס און זומפיגע קאלוזשעס. ווינטער האט זיי אפילו די שניידיגסטע קעלט און שטורעמדיגסטע שניי־ אוויערוכע נישט צוריקגעהאלטן פון ארויסלאזן זיך הונטערוועגנס, אויפן אפענעם פרייען פעלד, צו ווערן געשמיסן דורך דער רויהער, גרויזאמער ...אטור און זיין אויסגעשטעלט פערפרוירן צו ווערן אויף טויט.

נישט איינמאל זענען זיי, אמאל דער און אמאל יענער, קראנק געווען, געהאט הויכע היץ, געפיבערט, געליטן יסורים, געמיינט אז דאס לעבן עקט זיך שוין מיט זיי. אבער זייערע פערהארטעוועטע גופים האבן אלע קראנק־ הייטן גובר־געווען און אפשר גאר איז זיי דער זכות פון הייליגן מגלה עמוקות בייגעשטאנען, אז זיי זאלן די לידן פון די דריי יאהר תשובה אויסהאלטן, איבערטראגן, כדי צו קומען געלייטערטע אויף יענער וועלט ?

דערווייל אבער האט דער שווייס און שטויב זיך טיף איינגעגעסן אין די פאלבן פון זייער צעקנייטשטער הויט. ווארום דורך די גאנצע דריי יאהרן האבן זיי קיין איין מאל רעכט זיך נישט אויסגעבאדן, נישט אפגעשוירן זיך די האר פון קאפ, נישט אפגעשניטן זיך די נעגעל. זענען זיי דעריבער גע־ ווארן ווילד בעוואקסן און חושכ׳דיג ווי די ערד. דערצו נאך — תמיד פערמאטערט, ערשעפט אנטפאלן פון די כחות, מיט שלאמפערדיגע פיס וועלכע האבן זיך נאכגעשלעפט נישט פון אייגענעם כח, נאר בלויז דורכן פעסטן ווילן און בעשלוס, אדורכצופיהרן די הארבע תשובה, וואס איז אויף זיי געווארן ארויפגעלעגט, כדי עס זאל זיין א אפקומעניש פאר זייערע זינד.

ערשט ווען ס׳זענען געקומען די לעצטע חדשים פון די דריי תשובה־ יאהר דאמאלס האבן זיי אנגעהויבן זיך פעראינטערעסירן, וואוהין ערגעץ אין דער וועלט זיי זענען פערקראכן, ווי הייסט דאס ארט וואו זיי געפינען זיך, ווי ווייט ליגט עס פון קראקא, זייער היים, און ווי לאנג דארף דויערן דער צופוס־גאנג אהין ? זיי האבן דאן גענומען וואנדערן אויף צוריקוועגס, צו דער ריכטונג פון קראקא, מיט אויסרעכנונג, ווי שנעל זיי דארפן געהן כדי צו קומען צוריק קיין קראקא צום סוף פון די דריי יאהר.

זייער געמיט פלעגט שוין טיילמאל ווערן האפערדיגער, וויסנדיג, אז זיי האבן די תשובה, וואס דאס בית דין פון רבנים האט אויף זיי ארויפגעלעגט,

אויסגעפּיהרט בשלימות, קיין האר זיך נישט פערגרינגערט, פּערקעהרט, טיילמאל האבן זיי זיך די ליידן נאך פערהארבערט, קלערנדיג, אפשר זענען זיי נישט יוצא?

אזוי וואנדערנדיג אויף צוריקוועגס זענען זיי פונקט צום דריטן יאהר טאג פון זייער ארויסוואנדערן אנגעקומען קיין קראקא.

צוויי משונה'דיגע אפּגעריסענע שלעפערס, וואס האבן געמאכט א גרוי־ליכן רושם מיט זייער קבר'דיג אויסזעהן, צוויי פון דער ערד אויסגע־גראבענע מתים, וואס די תכריכים אויף זיי זענען שוין לאנג פערפוילט, נאר בלויז זייערע סקעלעטישע גופים האבן צוריק בעוועגונג בעקומען, — האבן זיך ארייגעלאזט קיין קראקא גלייך אין דער ריכטונג פון קראקאווער רב'ס וואוינונג.

מענטשן האבן מיט שוידער זיי נאכגעקוקט. אבער קיינער האט זיי נישט דערקענט. ווארום ארויסגעגאנגען זענען זיי מיטל־יאהריגע מענשן און צוריקגעקומען — זקנים, שברי־כלים, ווילד־בעוואקסענע און קרוע־ובלוע־דיגע שמאטעס אויפן לייב.

דער הייליגער מגלה־עמוקות, וועלכער האט די גאנצע דריי יאהר קיין איין טאג נישט מסיח דעת געווען פון די צוויי קצבים — בעלי־תשובה, מיטליידנדיג אלע ליידן פון זייער שווערער תשובה, האט אין דעם טאג, דער דריטער יאהרטאג פון זייער ארויסוואנדערן, ערווארט זייער אנקומען מיט אומגעדולד. פון דער פריה אן איז ער געשטאנען ביים פענסטער אין גאס אריין און בכליון עינים אויסגעקוקט זייער אנקומען.

אזוי ווי נאר דער מגלה עמוקות האט דערזעהען פונדערווייטנס דאס דערנעהנטערן זיך פון צוויי שרעקליכע געשטאלטן, האט ער גלייך פער־שטאנען, אז דאס זענען זיי די בעלי תשובה. איז ער ארויסגעלאפן אין גאס אין שלאפראק און קאפל, ווי א יונג איינגל זיי אקעגנגעלאפן און מיט אויסגעשפרייטע הענד אויסגערופן צו זיי:

— ברוכים הבאים, הייליגע צדיקים! אויסגעלייטערטע בעלי־תשובה!

מיט גרויס שמחה האט ער זיי געגעבן שלום און מיט רוחניות'דיגן תענוג געשמעקט צו זיי:





— אההה, א ריח גן־עדן הערט זיך פון אייך!

ער האט זיי אריינגעפהירט צו זיך אין שטוב און גענומען זיך שטארק פארען ארום זיי, אליין זיי משמש געווען, געבראכט די שענסטע שטולן און זיי געבעטן זיצן. יעדן פון זיי האט ער געהאלזט און ארומגענומען, און געדריקט צו זיך מיט געוואלדיגער ליבשאפט.

— אשריכם, וואויל איז אייך! איהר זענט בעלי־תשובה גמורים! אפילו די גרעסטע צדיקים קענען נישט האבן אויף יענער וועלט אזויפיל כבוד און גדולה ווי איהר! דארט וואו בעלי־תשובה שטעהען, קענען קיין עכטע צדיקים נישט שטעהן!

ער האט אריינגעברענגט שענעם כיבוד פאר זיי און ווען זיי האבן נישט געוואוסט, צו זיי מעגן שוין עסן, האט ער זיי ערמוטיגט און געטרייסט:

— עסט, עסט קינדערלעך! פון היינט אן מעגט איהר שוין! מהיום והלאה וועט איהר שוין מעהר נישט זיין נע ונד און וועט מעהר נישט אזוי פערשווארצט ווערן! אין קראקא וועט איהר שוין בלייבן וואוינען, צוזאמען מיט אייערע ווייבער! בלויז מיט מסחר וועט איהר מעהר נישט טארן זיך פערנעמען, נאר לעבן פון ערליכע ארבייט, מיגיע כפים! איהר קענט ווערן טרעגער, האלץ־העקער, נאכט־שומרים, וואס עס וועט זיך אייך טרעפן! קיין פרנסה, פערזיכער איך אייך, וועט אייך נישט פעהלן! איך וועל אנ־זאגן אלע היגע בעלי־בתים, אז זיי זאלן אייך געבן צו פערדינען און אייך קיינמאל נישט דערמאהנען, אדער פארווארפן אייער אמאליגע זינד! ווארום די דאזיגע זינד זענען מעהר נישטא! זיי זענען אפגעוואשן מיטן בלוט און מארך פון אייערע אויסגעמוטשעטע גופים.

קראקאווער אידן האבן שוין באלד געהאט פערגעסן אין דער געשיכטע מיט די צוויי קצבים־שותפים, וועלכע האבן יאהרן לאנג מאכיל־טרפות־געווען און א בית־דין־הגדול האט זיי דערפאר ארויסגעגעבן א תשובה צו פערניכטן זייער גאנץ פערמעגן און זיין נע ונד אין דער וועלט. דריי יאהר זענען שוין געהאט זינט דאן אריבער און דאס געשעהעניש איז שוין טיילווייז געווען פערווישט פון זכרון.

אבער מיט אמאל האט דער בית־דין־שמש אויסגערופן אין אלע בתי־מדרשים און בתי־תפילה, בפקודת הרב דמתא:

— מען איז מכריז ומודיע אלע שטאדט־בעל־בתים, אז די צוויי קצבים בעלי תשובה זענען שוין צוריקגעקומען קיין קראקא נאך זייער אבריכטן גלות און מקיים־זיין די הארבע תשובה, וואס איז געווארן אויף זיי ארויפ־געלעגט! מהיום והלאה זענען זיי צדיקים גמורים און געלייטערטע פון אלע זייערע זינד! דער רב זאל לעבן בעפעהלט דעריבער אלע בעלי־בתים, אז יעדער זאל זיי אונטערשטיצן דורך געבן זיי ארבעט, כדי זיי זאלן קענען מפרנס זיין זיך און זייערע ווייבער! ווי ווייט מעגליך זאל יעדער אויסזוכען פאר זיי ארבייט — האלץ האקן, פעקלעך טראגן, א שליחות שיקן, ביינאכט די קראם היטן און ארענטליך זיי דערפאר בעלוינ־נען! מ'זאל חס־ושלום קיינמאל נישט מאכן זיי קיין פארוואורף וועגן זייערע בעגאנגענע זינד, אדער זיי מיט עפעס אנדערש דערקוטשען! אדרבה, מ'זאל זיי האלטן העכסט בכבוד, געבן זיי גרינגע ארבייט, ווארום זייערע גופים זענען גענוג אויסגעפייניגט פון דריי יאהר לײדן די גרעסטע עינויים! אויף יעדן ליגט א חוב אכטונג צו געבן, אז זיי זאלען האבן פרנסה און פון קיינעם נישט ווערן בע'עוולה'ט! זיי, די צוויי בעלי־תשובה אליין, וועלען דאך נישט רעאגירן אויף קיין אונרעכט לגבי זיי, זאל זיך דעריבער יעדער אליין אויסהיטן דערפון!

דער מגלה־עמוקות האט ביידע בעלי־תשובה ארויסגעבארגט פון דער קהל'שער גמילות־חסד־קאסע אביסל געלד, כדי זיי זאלן האבן זיך צו בעקליידן אין פשוט'ע, אבער גאנצע מלבושים און דינגען דירות פאר זיך מיט זייערע ווייבער. דאס געבארגטע געלד האבן זיי בעדארפט במשך א לאנגער צייט איינציגווייז צוריקגעבן, דורך אראפנעהמען יעדעסמאל צו עטליכע פרוטות פון זייערע פערדינסטן, אבי ס'זאל נישט זיין נהנה־געוועזן פון מתנת בשר ודם, נאר אויסגעארבייט פון אייגענעם יגיע־כפים.

קראקאווער אידן האבן מקיים־געוועזן דעם בעפעהל פון זייער גרויסן רב. אזוי ווי נאר די צוויי בעלי־תשובה — די אמאליגע רייכסטע לייט פון שטאדט און איצט געקלײדעטע אין גראבע פשוט'ע מלבושים, מיט א טרע־גער־שטריק ארומגעוויקלט ארום בויך — האבן זיך בעוויזן אין גאס, זוכנדיג מיט די אויגן, וואו דעם ערשטן גילדן אויף ברויט צו פערדינען, איז גלייך געווארן א רייסעניש איבער זיי:

—צו מיר קומט! איך האב פאר אייך ארבייט!

— קומט בעסער צו מיר! איך האב פאר אייך לייכטערע ארבייט!

— ביי מיר וועט איהר איבערן טאג מעהר פערדינען!

— ביי מיר וועט איהר גארנישט דארפן טהון! בלויז זיין א שומר און אויסרוהען זיך די פערמאטערטע ביינער!

בײדע האבן אהן ווידערשטאנד און אהן דאס מויל צו עפענען, געלאזט זיך ציהען פאר די ארבעל, דא צו דעם, דא צו יענעם, גלייך זיי וואלטן געוועז ווילנסלאזע בעשעפענישן, זיי האבן נישט געפרעגט וואסערע ארבייט מ'גיט זיי און וואסערן לוין מ'וועט זיי דערפאר בעצאהלן. באלד ווי זיי זענען אנגעקומען אויפן ארבייט־ארט, האבן זיי פלייסיג זיך גענומען צו דער ארבייט, דאס וואס זיי האבן בעדארפט אפארבייטן אין א גאנצן טאג, האבן זיי פערטיג געמאכט אין א שעה און געבעטען נאך און נאך ארבייט, אבי ס'זאל חלילה נישט זיין קיין בחנמ'דיגע מענשליכע גאב.

אויף וואונדער און כדי זיך אראפצונעהמן א מוסר, פלעגן מענשן קומען יעדן טאג צום ארט, וואו זיי האבן געארבייט און צוזעהען מיט וואסערן פלייס און ברען עס ארבייטן די בעלי־תשובה, הויט און ביין זענען זייערע גופים געוועזן. אבער וויפל כח איז געלעגן אין זייערע הענד. די וואס האבן געדענקט זייער גביריש אויסזעהען פון אמאל, מיט דריי יאהר צוריק, זייער אויסגעפאשעטקייט און פולבלוטיגע פנים'ער און זעהענדיג יעצט זייער געלברוינע פארמעט־הויט און שפיציגע באקען־ביינער, האבן יעדע ווײלע אפגעווישט א טרעהר פון געריהרטקייט און פון רחמנות אויף זייערע לײדן.

כדי זיי נישט צו פערשעהמען, פלעגט מען זיי בעטראכטן דורך די שפא־רעס פון פארקאן ארום הויף, וואו זיי האבן געארבייט און אפקערן דעם קאפ, אויב מ'האט בעמערקט אז זיי פיהלן דאס מ'קוקט אויף זיי.

איינציגווייז האבן זיי זיך צוריק איינגעבירגערט אין שטאדט, געווארן גוצליכע מענשן און פערדינט ערהליך און כשר זייער ברויט. דירות האבן זיי געהאט הונטער דער שטאט ווייל צווישן שכנים, אידן, האבן זיי זיך געשעהמט צו וואוינען. אויך האבן זיי נישט געוואלט פערשאפן קיין בושה זייערע קינדער און אייניקלעך. פארוואס זאלען זיי לײדן אין זייערע זינד?

**א**יינמאל אין אן אווענד, נאך א טאג שווערער ארבייט, זענען בײדע, בעלי־תשובה, שטארק בעזארגטע, אוועק צום מגלה־עמוקות, געבליבן שטעהן נישט דרייסט ביי דער טהיר און געווארט ביז וואנען דער הייליגער צדיק וועט אויפהויבן זיינע אויגן און זיי צורופן.

— ברוך הבא, קינדערלאך! — האט דער מגלה־עמוקות אויסגערופן, אזוי ווי נאר ער האט זיי דערזעהען — וואס זענט איהר אזוי בעזארגט, צו פעהלט אייך חלילה עפעס? צו האט אייך ווער פערשעהמט, אדער אפשר א עוולה געטהון? דערצעהלט, און איך וועל אלצדינג טהון כדי אייער גורל צו פערלייכטערן.

— הייליגער רבי! — האבן בײדע אויפאמאל זיך יאמערליך צעוויינט — אונזערע הערצער שרעקן פאר דעם גרויסן יום־הדין, וואס רוקט אן אויף אונז! מיר ווערן דאך נישט יונגער, נאר עלטער! נישט לאנג וועט דויערן און דער מלאך־המות מיט די טויזנד אויגן וועט אונז רופן אהין, וואו מיר וועלן בעדארפן אפגעבן דין־וחשבון אויף אלע אונזערע בעגאנגענע מעשים אויף דער וועלט! ווער וויים, צו מיר האבן מיט אונזערע דריי יאהר ליידן, גענוג אפגעוואשן אונזערע גרויסע זינד! אז מיר דערמאהנען זיך אין שרעקליכן גיהנום און די מלאכי־חבלה אויף יענער וועלט, אזוי כאפט אונז אן א ציטערניש און מיר וואלטן וועלן צוריק זיך לאזן אויף אונזער גלות־וועג לײדן הונגער, קעלט, מידקייט און מאטערניש, אבי ס'זאל זיין א כפרה אויף אונזערע שרעקליכע זינד!

— בערוהיגט אייך, קינדערלעך! — האט דער מגלה עמוקות זיך בעמיהט איינצושטילן דאס וויינען — איך בין אייך מבטיח, אז איהר זענט צדיקים גמורים! הלוואי זאל איך קומען אזוי ריין און געלייטערט אויף יענער וועלט, ווי איהר וועט, איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אהינקומען ריין ווי גינגאלד! אייער גן־עדן וועט זיין גרעסער ווי פון א צדיק גמור, ווארום א בעל־תשובה איז גרעסער ווי א צדיק!

— הייליגער רבי, מיר שרעקן זיך אבער פארט! — האבן בײדע נישט געקענט אפשטעלן דעם קוואל פון זייערע טרעהרן — אפשר וואלטן מיר געקענט קריגן א צייכן, א שריפט, וואס זאל אונז געבן די דאזיגע זיכערקייט?

—גוט, איך וועל אייך ארויסגעבן א כתב! — האט דער מגלה עמוקות זיי ערקלערט, זעהענדיג, אז אנדערש קען ער זיי נישט בערוהיגן.

אין דער שפעטער אוונט־שעה, האט דער מגלה־עמוקות זיך אוועקגע־זעצט ביי זיין טיש, גענומען די געגזענע פעדער אין זיין האנד און אויס־געשריבן אויף לשון־הקודש אזא כתב:

„איך, קראקאווער רב, דעם ראש פון בית־דין־הגדול וועלכע האבן געגעבן א זעהר הארבע תשובה די צוויי שותפים־קצבים, אויף זייער גרויסער זינד און זיי האבן די תשובה גענצליך מקיים געווען, — בין גוזר, אז פונקט אזוי, ווי ס'האט געפסק'נט דאס בית דין של מטה, אזוי זאל אויך פסק'נען דאס בית־דין של מעלה".

ווען דער מגלה עמוקות האט זיי פארגעלייענט דאס כתב, האבןביידע אויסגעשטרעקט די הענד עס צו נעהמען. יעדער האט געוואלט, אז איהם זאל מען געבן דאס כתב צו האלטן. דער מגלה עמוקות האט נישט געוואוסט וועמען עס צו געבן. ענדליך האט ער עס געגעבן דעם, וועמען עס איז דער ערשטער איינגעפאלען תשובה צו טהון.

ערשט דאן זענען ביידע אוועק עטוואס בערוהיגטע אהיים.

בערוהיגט דורכן כתב וואס דער מגלה־עמוקות האט זיי געגעבן, אז זיי זענען שוין אינגאנצן אויסגעלייטערט פון זייערע זינד און אז דאס בית־דין־של־מעלה טאר זיי מעהר נישט בעשטראפן פאר מאכיל־טרפות זיין — האבן ביידע בעלי־תשובה געארבייט פלייסיג ביי פערשידענע גראבע ארבייטן וואס קראקאווער בעל־בתים האבן זיי גערן געגעבן און פערדינט אויף ברויט פאר זיך און זייערע ווייבער, עהרליך און כשר דורך יגיע כפים.

יעדען אוונט נאך דער ארבייט און שבת כמעט א גאנצן מעת־לעת פלעגן זיי פערברענגען אין קהל'שן בית־המדרש און צוהייגן זייערע אויערן צו דעם וואס אנדערע האבן געלערנט פון הייליגע ספרים, איינהארכן זיך אין די פרומע, ג־טספארכטיגע רייד און פיהלן דערביי א דערקוויקונג צו זייערע פערוואונדעטע הערצער און זינדיגע נשמות.

א גליק איז פאר זיי געווען, ווען זיי האבן געקאנט עמיצן פון די לע־רנערס משמש־זיין, דערלאנגען א טרונק וואסער אדער דינען מיט עפעס א שליחות. מיט אויסערגעוועהנליכע פרייד זענען זיי געלאפן טהון עפעס

א מצוה, אהן א שיעור „אמן, יהא שמי' רבא'ס" פלעגן זיי שלינגען יעדן וואכענטאג, בפרט שבת־טאג און אויסגעלעבט זיך די לעצטע יאהרן פון זייער לעבן אין בלויז מיהזאמע ארבייט און דינען געטריי דעם רבונו של עולם.

כאטש קיינער פון די קראקאווער בעל־בתים, וואס האבען געוואוסט זייער פערגאנגענהייט, זייער אמאליגע רייכטום און די יאהרענלאנגע תשובה וואס זיי האבן דורכגעמאכט, האט קיינמאל נישט געפרובט מיט זיי זיך משמש זיין אדער בעגעהן לגבי זיי א פחיתת הכבוד, דאך אבער פלעגן זיי, די צוויי בעלי־תשובה שטעהן תמיד אונטערטעניג פאר יעדן, אריינקוקען געטריי איטליכן אין די אויגן און ארויסלייענען וואס יענער קען בעדארפן, כדי שנעל איהם צו דינען און נוצן ברענגען. ווי אינגלאך פלעגן זיי, די בעיאהרטע און אויסגעמוטשעטע מענשן, לויפן און זייערע פנים'ער האבן דאביי אויסגעדריקט אומגעהויערע צופרידנהייט.

אבער די יאהרן און די עלטער האבן דערווייל געטהון דאס זייעריגע; אויף איינעם פון זיי האט האסטיג גענומען ארויפשפרינגען די זקנה. די פיס זענען געווארן וואקעלדיג, דער קערפער — געבויגן, די הענד — ציטערדיג. ער איז געווארן שוואך און אונפעהיג צו פיזישע ארבייט. ביזוואנען ער האט אין איין טאג נישט געקענט זיך אויפהויבן פון בעט, געלעגן פערשמאכט און אהן כוחות. מ'האט געזעהען בחוש, אז דער טויט גענעהנט צו איהם מיט שפרייזן־טריט. נישט לאנג — און ער וועט געהן אין דעם וועג וואו אלע שטערבליכע געהען.

געוועזן איז דאס דער, וועלכער האט נישט געהאט דאס כתב וואס דער מגלה־עמוקות האט געגעבן, אלס צייגעניש פארן בית־דין־של־מעלה.

ווען אין שטאדט איז מען געוואויר געווארן, אז איינער פון די בעלי־תשובה איז קראנק געווארן, זענען אוועק צו איהם אין זיין קליין, ארים שטיבעלע, דער רב מיט אלע לומדים פון שטאדט, כדי איהם מבקר־חולה צו זיין. ווען דער חולה האט זיי דערזעהן, איז ער געווארן שטארק גערירט פון דעם גרויסן כבוד וואס מען טיילט איהם צו און ער האט זיך שטארק צעוויינט. האט דער רב געמיינט, אז דאס וויינט דער חולה צוליב מורא פאר דעם טויט וואס רוקט אויף איהם אן און דעם משפט פארן בית־דין־

של־מעלה פאר וועלכן ער וועט געשטעלט ווערן. האבן זיי איהם געטרייסט, אויסגירעדט איהם ס׳הארץ און בערוהיגט אז ער האט פאר גארנישט זיך צו שרעקן.

— איהר זענט א צדיק גמור, נאך גרעסער ווי א צדיק גמור! האבן זיי איהם בערוהיגט — אייער נשמה איז ריין ווי גינגאלד, אהן מינדעסטען שפרענקעלע! פאר אייך איז אנגעגרייט א גאלדענע שטוהל אין גן־־עדן, ווארום אלץ וואס איהר האט בעדארפט אפקומען פאר אייערע זינד, זענט איהר שוין אפגעקומען אויף דער וועלט!

— אבער נישט איך האב דאך דאס כתב, נאר מיין חבר! — האט דער חולה און נוטה־למות זיך צעוויינט — אוי, ווי איך שרעק זיך פארן יום־הדין! דאס לייב רינצעלט זיך מיר פאר פחד און יעדע ווײלע זעה איך די שרעקליכע מלאכי חבלה וואס דערנעהנטערן זיך צו מיר, מיט די לאנגע שפיציגע גאפלען, גרייט אויפצוכאפן מיין גוף און איהם אריינווארפן אין די קאכעדיגע קעסלען סמאלע פון גיהנום!

האט דער רב נאכאמאל בערוהיגט דעם חולה און איהם געזאגט, אז אין הימעל ברויך מען נישט דאס כתב. כביכול איז א בוחן כליות ולב און ער ווייסט אלץ וואס עס טהוט זיך אין די פערבארגענקייטן.

דער רב מיט די לומדים זענען אוועק און איבערגעלאזט עפעס געלד און לאבונג פאר דעם חולה.

עס זענען אריבער א פאר טעג. דער מצב פון חולה איז געווארן אלץ ערגער. דער טויט האט צוגערוקט וואס נעהנטער און דער חולה איז געלעגן שטארק פער׳צער׳ט און נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאגן, אז ער זעהט ווי די מלאכי־חבלה שטעהען גרייט אויפצוכאפען זיין קערפער אויף זייערע לאנגע גאפלען, אזוי ווי נאר ס׳וועט זיין יציאת נשמה.

האט די חברה־קדישא נישט געקענט צוזעהען די מורא׳דיגע ליידן פון גוסס און געלאפן אהערברענגען דעם רב, דעם מגלה עמוקות, ער זאל טרייסטן דעם גוסס און פערגרינגערן זיין שווער, פערקלעמט הארץ.

— רבי, — האט דער גוסס נאך קוים געשעפטשעט מיט זיינע שוין בלאהע ליפען און דאביי האבען ריטשקעס טרעהרן געפליסט אויף דער געלער פארמעט־הויט פון זיין פנים — רבי, איך צאפל, איך שרעק זיך,

טאמער וועט מען אין הימעל נישט אנערקענען די תשובה! דאמאלס איז דאך אך און וועה צו מיין זינדיגער נשמה! וואו וועל איך דאן אהינקומען? איך וועל דאך שוין קיינמאל פון גיהנום נישט ארויס! אין כף־הקלע אויף אייביג פערפאלן ווערן. ארומוואגלען תמיד אין וויסטע וועלדער, אדער אפשר גאר מגולגל ווערן אין א שטום בעשעפעניש און אדורכמאכן אזעלכע אונמענשליכע ליידן?!

האט דער מגלה עמוקות דאס רחמנות שטארק איבערגענומען און ער האט גערופן דעם צווייטן בעל־תשובה און איהם בעפויהלן, ער זאל אוועקגעבן דעם גוסס דאס כתב, וועט ער עס מיטנעמען מיט זיך אין קבר אריין. דערפאר וועט דער גוסס איהם געבן תקיעת־כף, אז ווי אמשנעלסטן נאך זיין טויט, וועט ער איהם קומען צום חלום און דערצעהלען אויספיהרליך, מיט אלע פרטים, וואס עס האט אלץ מיט איהם פאסירט פון נאך יציאת־נשמה אן ביז ער איז געקומען אויף זיין מקום מנוחה.

האט דער צוויטער בעל־תשובה געפאלגט דעם רב׳ס בעפעהל און אוועק געגעבן דאס כתב, זיין חבר דעם גוסס אין האנד אריין. דערפאר האט דער גוסס איהם געגעבן תקיעת־כף, אז באלד ווי ער וועט קומען צו זיין רוה, וועט ער איהם צום חלום קומען און אלע פאסירענישן מיט איהם איבערגעבן.

ערשט דאן האט דער גוסס זיך בערוהיגט און אין א טאג ארום אויס־געהויכט זיין נשמה אין רוהיגקייט, מיט א צוגאסענעם שכינה־שמייכל אויף זיין פנים ווי אין א איבערלעבעניש פון א נישט־בעגרייפליכן הימלישן תענוג...

האט קראקא געמאכט דעם פערשטארבענעם א זעהר גרויסע לוי׳, דער רב האט געשיקט דעם שמש אין אלע שוהלן און בתי מדרשים, ער זאל אויס־רופן ביטול־מלאכה. האבן אידן געשלאסן די קראמען און ווארשטאטן און אלע, גרויס און קליין, אלט און יונג, חשוב און פראסט, זענען אוועק צו דער לוי׳ פון בעל־תשובה.

דעם מת איז געטהון געווארן זיין רעכט בכבוד גדול. אין זיין האנד האט דער מת מיטגענומען אין קבר אריין דאס כתב. דער מגלה עמוקות אליין האט געהאלטן א פלאם־פייערדיגן הספד, וואס האט הערצער צעבראכן און אלע צוהערער האבן טייכן טרעהרן פערגאסן. דער מגלה־עמוקות האט

אויפגעוויזן דעם גרויסן כח פון תשובה, וואס דערגרייכט ביז צום כסא־הכבוד, אפילו דער גרעסטער זינדיגער, פאר ווענען עס דוכט זיך, אז פאר זיין נשמה איז שוין גאר קיין תיקון נישטא — אויך ער קען אזוי לאנג ווי זיינע אויגן זענען נאך אפן, טהון תשובה און אהינקומען אויף יענער וועלט א געלייטערטער פון זיינע זינד. און ער האט פארענדיגט זיין הספד מיט די ווערטער: „פנו מקום! מאכט א ווארע! א גרויסער צדיק קומט איצט צו זיין רוה! א נשמה פון גינגאלד קעהרט צוריק פונקט אזוי ריין ווי זי איז אראפגעקומען!”.

דער רב מיט די שענסטע לומדים פון קראקא זענען יעדן טאג פון דער שבעה, געגאנגען דאווענען אהין וואו דער מת האט אויסגעהויכט זיין נשמה, כדי דארט צו דאווענען, הערען זאגן קדיש און מנחם־אבל זיין די אלמנה און יתומים, פערשטעהט זיך, אז דאס שטיבעלע מיט א שטיק הויף איז ביי יעדן דאווענען געווען איבערפולט און אלע האבן מיט גרויס כוונה נאכגעזאגט אמן, יהא שמי׳ רבא”; נאכן דאווענען פלעגט דער רב צוזאמען מיטן גאנצען עולם לערנען א פרק משניות פאר דער נשמה פון נפטר. דאס שטיבעלע פון פערשטארבענעם איז ממש אין א מקום־קדוש פערוואנדעלט געווארן און הייליגע, אידישע ווערטער, זענען די גאנצע שבעה־טעג אויף קיין איין רגע נישט אנטשוויגן געווארן.

דער צווייטער בעל־תשובה, דעם פערשטארבענעמס שותף, ווענענס כתב דער מת האט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אריין, האט די גאנצע שבעה־צייט געווארט מיט אונגעדולד אז דער חבר זאל קומען איהם צום חלום און דערצעהלן, ווי אזוי עס איז מיט איהם דערגאנגען אויף יענער וועלט. אבער — אומזיסט! דער מת לאזט גארנישט פון זיך הערן. עס איז אדורך נאך א וואך און נאך א וואך. דער שותף האט שוין געהאט גרויס צער דערפון. ענדליך, נאך די שלשים, אין דער ערשטער נאכט, באלד ווי נאר ער איז אנטשלאפן געווארן, האט דער מת זיך בעוויזן.

אין דער ערשטער נאכט נאך די שלשים, אזוי ווי נאר דער לעבען־געבליבענער קצב־בעל־תשובה איז איינגעשלאפן אויף זיין שטרוי־געלעגער, נאך א טאג שווערער הארעוואניע, האט זיך פאר איהם בעוויזען

זיין פערשטארבענער שותף.

ער האט גוט געדענקט, אז דער שותף געפינט זיך שוין מעהר נישט צווישן די לעבעדיגע און האט ערוואַרט, אז זיין אויסזעהען זאל זיין א נאכמעהר פערפייניגטס ווי ביים לעבן, בפרט אין די לעצטע טעג פאר זיין טויט, ווען ער איז פשוט געווען שווארץ און נשתנה־צורה, פון כסדר וויינען און ציטערן און פלאטערן, מאימת יום־הדין.

אבער ער האט איהם קוים דערקענט, דעם שותף זיינעם, מיט וועלכען ער האט פערברענגט ביינאנד א לעבן לאנג, אין פריידן און אין ליידן. ער האט אומגעוועהנליך געלויכטן און געשטראהלט, דער פערשטארבענער; א הייליגע העלקייט האט פון איהם געשלאגן, ווי פון די זון, וואס האט געבלענדעט אין די אויגן און שווער געמאכט דאס קוקן אויף איהם. אויך די תכריכים זיינע זענען געווען בלענדעד־ווייס, ווי פריש־געפאלענער שניי, אין אפשפיגלונג אקעגענאיבער דער זון, אהן א פינטעלע, אהן א שפרענקעלע, און אינגאנצן האט פון איהם געוועהט מיט אזא צדיק׳דיגער שכינה־לויטערקייט, ווי פון גן־עדן ארויס.

יעצט דאס קול זיינס? במשך פון יאהרן זיין א בעל־תשובה, האט ער שוין געהאט פערגעסן, אז זיין שותף זאל אמאל האבן גערעדט מיט א מונטערן טאן. תמיד איז זיין שטים געווען פערזומערט און פינסטער, מעהר געשטומט ווי גערעדט און די פאר געצעהלטע ווערטער וואס ער האט שוין יא ארויסגערעדט, האבן דומפיג אפגעקלונגען, ווי פון א קבר, א לעבעדיג קבר ארויס. איצט אבער — זילבערדיג־איידעל איז זיין קול, דערצו מיט אזא גליקליכקייט און נחת־רוח: עס איז גארנישט קיין קול פון א פערגרעבטן קצב, אן עם־הארץ, וואס איז נאך דערצו געווען שווער־זינדיג אויך. עס איז א קול פון א זיידן מענטשל, אויסגעאיידלט ביים לערנען תמיד אין די הייליגע ספרים און פיהרן א קדושה־וטהרה׳דיג לעבן.

— ליבער חבר — האט דער פערשטארבענער גליקזעליג צו איהם געזאגט — די אונטערשטע וועלט ווייסט גארנישט, ווער דער מגלה־עמוקות איז, ווי גרויס ער איז אין הימל, צווישן דער פמליה של מעלה, וואס פאר א אנזעהן און דעה ער האט דארטן! די טויערן פון אלע עולמות העליונים שטעהען פאר איהם אפן און ער איז דארט א יוצא ונכנס, ווי ביי זיך

אינדערהיים! וואס ער בעפעהלט, איז מען מקיים און אזוי ווי ער פסק'ענט, אזוי בלייבט!

און דער פערשטארבענער האט אנגעהויבן דערצעהלן וואס עס האט מיט איהם פאסירט פון יציאת נשמה אן:

— מיין שרעק איז נישט געווען קיין אומזיסטע! וועה און ווינד וואלט געווען צו אונזערע נשמות אויף אייביגע אייביגקייטן, ווען מיר טהוען נישט תשובה אויף דער אונטערשטער וועלט, ווארום דא, אויבן, קען מען מעהר נישט פעררירכטן דאס וואס מ'האט קאליע געמאכט אונטן!

הער, ליבער חבר מיינער! אזוי ווי נאר כ'האב אויסגעהויכט מיין נשמה, אזוי זענען געקומען צו פליהען מלאכי־חבלה, משחיתים און קליפות — כחול הים! זייער אויסזעהען איז געווען פחדימ'דיג, אז מ'האט געקענט צעהן מאל שטארבן פון שרעק, בלויז פון קוקן אויף זיי! טייל זענען געווען אין געשטאלט פון בייזע, הונגעריגע וועלף, טייל — פון גיפטיגע, פייער־שפייענדיגע שלאנגען, אנדערע — אין געשטאלט פון משונה'דיגע ברואים, א געמיש פון ווילדער מענש און חיה־רעה צוזאמען, קויהל־שווארץ, מיט רוצחישע בלוטדורשטיגע אויגן און מיט פערבלוטיגטע שפיזן אין דער האנד, גרייט מיך אויפצושטעכן און אוועקפליהען מיט מיר, ערגעץ אין די וויסטענישן, וואו כ'וואלט שוין אויף עולם־ועד פערפאלן געווארן, אהן קיינמאליגן צוריקקום!

אבער באותו רגע האבן זיך א שטעל געטהון נעבען מיר, פיער ווייסע לייטזעליגע, מלאכים, איינער צוקאפענס, א צווייטער צעפוסענס און צוויי פון בידע זייטן, זיי זענען ניט אבגעטרעטן פון מיר אויף קיין רגע ביז נאך דער טהרה, אזוי, אז די מלאכי־חבלה האבן נישט געהאט צו מיר קיין צוטריט און קיין שליטה. אלע האבן זיי גיריג געשטשירעט מיט די צייהן און געשאסן מיט פייער, גרייט מיר צו פערצוקן. זיי האבן אבער נישט געקאנט דערנעהנטערן זיך צו מיר.

ווען מ'האט מיך ארויסגעטראגן אין ארון און געפיהרט צום בית־הקברות, האבן מיך ארומגערינגלט און בעגלייט פיל מלאכי־מעלה. און כאטש די שווארצע מלאכי־חבלה, וואס האבן געלאקערט מיך אויפצוחאפן און מיט מיר אוועקצופליהען ווי ווייט, כאטש זייער צאהל איז געווען כחול הים,

האבן זיי דאך נישט געקענט זיך דורכרייסן און מיר שלעכטס טהון.

ווען מ׳האט מיך אראפגעלאזט אין קבר אריין, אידער מ׳האט אויף מיר ארויפגעשיט די ערשטע לאפעטע ערד, האבן די מלאכי־חבלה זיך צוגע־שטופט מיט גרויס רעש און לארם און דווקא געוואלט מיך ארויסכאפן. אבער די הייליגע מלאכים זענען געשטאנען פעסט ווי א מויער, נישט אפגע־טרעטן אויף קיין רגע און נישט אפגעווענדעט זייער לייטזעליגן בליק פון מיר.

אויך נאך סתימת־הגולל, ווען דאס קבר איז שוין געווען פערשיט און אלע מלוים, מיטן הייליגן רב אונזערן בראש, זענען שוין געהאט צוריק־געגאנגען אין שטאדט אריין, אויך דאמאלס זענען די פיר לייטזעליגע מלאכים נישט אפגעטרעטן פון מיין קבר און געבליבן שטעהן אויף דער וואך, אז קיין שום בייז זאל מיין גוף נישט געשעהען.

עס זענען דאן געקומען אנדערע פיער לייטזעליגע מלאכים און האבן אוועקגעפיהרט מיין נשמה צום בית־דין של מעלה.

איך האב זיך געטראגן אין הימלישע הויכקייטן און געפיהלט זיך אזוי גרינג און לייכט־שוועבעדיג, ווי כ׳וואלט געווען א זעקס־פליגלדיגער מלאך.

באלד בין איך אריינגעקומען אין אזא בלענדענדיגער ליכטיגקייט, וואס איהר דארט, אויף דער אונטערשטער וועלט, קענט זיך עס אפילו אין דער פאנטאזיע נישט פארשטעלן. איך בין דאדורך געווארן אנגעפילט מיט אזוי פיעל גליקזעליגקייט און תענוג, וואס איז נישט מעגליך אויסצודריקן און אפ׳משל׳ען מיט ווערטער, נישטא דערצו קיין גלייכן אויף דער אונטער־שטער וועלט! ווען מ׳זאל אפילו געניסן פון אלע ערדישע פערגעניגנס אויפאיינמאל, וועט עס ניט זיין קיין מינדעסטער דמיון דערצו.

די פיער מלאכים, מיינע אונטערפיהרער, האבן מיך צוגעפיהרט צו א פאלאץ פון לויטער קרישטאל און גינגאלד, פענסטער — ריזיגע דיאמאנטן, וואס האבן געבליצט ווי א פאנטאן, מיט אומגעוועהנליך־פרעכטיגע רע־גנבויגן־שטראהלן, אז איך בין געבליבן נבהל ונשתומם פון ענטציקונג! אינדרויסן, פארן ריזיגען טויער, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעגליהט מיט פייערדיגע אותיות: „מקום המשפט״, — הויערן לייבען און לעמפערטן און יעדע נשמה, וואס ווערט אהין אריינגעפיהרט, בעשמעקן זיי פון אלע זייטן

און אפהענגיג דערפון, ווי זינדיג די נשמה איז, לאזען זיי ארויס א פארכטיג ברומעניש.

די פיער מלאכים האבען מיך אויף זייערע פליגלען ארייננעטראגן אינ־ווייניג, אין מקום המשפט, און דא האבען זיך פאר מיר ענטפלעקט אזעלכע אומגעהויערע זאכען, אז כ'האב נישט געוואוסט, וואו פריהער מיינע בליקן צו ווענדן. די גרויסקייט פון דעם זאל איז נישט ארומצונעהמען פון איין עק ביזן אנדערן. דערצו זענען די ווענד, סופיט און פאדלאגע אויסגעפלאס־טערט מיט די בלענדענדיגסטע איידלשטיינער, וואס שטראהלן פון זיך ארויס אזעלכע ליכטיגקייטן, אז די זון, וועלכע בעלייכט אונטן די ערד, איז טונקעל אקעגן זיי.

אינמיטן זאל שטעהט א ריזיגער טיש, ארום זיצט דאס בית־דין של מעלה — לויטער פייערדיגע מלאכים; אויבנאן פייערן גרויסע אותיות: „תורת משה אמת" און אויפן טיש ליגט אויסגעשפרייט א גרויסע צעעפענטע ספר־תורה, וואס איהרע יריעות און אותיות זענען פון פייער.

אהער, צום דאזיגן טיש, ווערן צוגעפיהרט די נאר־וואס ארויפגעברענגטע נשמות פון עולם־התחתון, כדי זיי דא צו משפט'ן: אין גיהנום צו אין גן־עדן ארייין.

ביים משפט'ן יעדע נשמה, ווערט אויסגעזוכט זיין בלאט אינם גרויסן, פארמעטענעם ספר־הזכרונות און מען לייענט ארויס, די גוטע און שלעכטע מעשים וואס ער האט זיין גאנץ לעבען געטהון און מיט זיין אייגענער האנד זיי ארייינגעשריבן. צו יעדן משפט שטעלן זיך מלאכי־רחמים און מלאכי־דין, סניגורים און מקטריגים. די נשמה גופא איז מיינסטענטייל אנשטומט פון ציטערניש און פלאטערניש און איז נישט אומשטאנד אליין זיך צו פערענטפערן און רעכטפערטיגן, פאר די פארגעווארפענע חטאים, וואס די מקטריגים האגלען אויף זיי.

מעהרסטנס ווערן צו די משפטים אויך עדות ארויסגערופן. איך האב גע־זעהען, ווי אין איין משפט האט מען ארויסגערופן די בעלקעס פון שטוב וועלכע האבן צוגעזעהן די עבירה, וואס יענער האט געטהון בסתר און געווען זיכער, אז קיינער זעהט ניט.

פערשידענארטיג זענען די פסקים וואס ווערן ארויסגעטראגן. טייל

פסק׳נט מען: גיהנום. ס׳ווענדעט זיך אבער אין וועלכן מדור און אויך וואסערן טערמין: אנדערע פסק׳נט מען שאול־תחתית און כף־הקלע; נאך אנדערע — מגולגל צו ווערען אין א בהמה חי׳ אדער בוים, צו שטיין און וואַרטן אומענדליכע צייטן ביז צו א תיקון. אזוי ווי נאר אזא נשמה ווערט אפגע׳משפט, אזוי טהון איהר מלאכי־חבלה א כאפ און א טראג ארויס צום ארט פון איהר בעשטימונג. די נשמה קלאגט און יאמערט דריקט אויס חרטה און בעט רחמים, אבער דא אין דער הימלישער וועלט, העלפט שוין נישט קיין חרטה אויף די בעגאנגענע עברות אונטן אויף דער ערדישער וועלט.

דער פערשטארבענער האט אין חלום ווייטער דערצעהלט זיין שותף:

— עס טרעפט אויך, אז א נשמה קומט אהער וויס ווי שניי, ריין ווי גינגאלד, אהן א שפרענקעלע, אהן א פלעקעלע און זי געהט ארויס זכאי בדין, דאמאלס טראגט ארויס דאס בית־דין א פסק: אין גן־עדן אריין! די מלאכי מעלה שטעהען דאן אויף פון די ערטער און רופן אויס מיט א שירה׳דיג קול: אשריך וטוב לך״! וואויל און גוט איז צו דיר, וואס דו האסט זוכה געווען צו דער ג־טליכער אייביגקייט! א כתה ווייסע לייט־זעליגע מלאכים רינגלען זי ארום און מאכן פאר איהר א ווארע, זאגנדיג פייערליך: „פנו דרך, ישרו מסילה, כי צדיק בא! אמרו לצדיק טוב, כי פרי מעלליהם יאכלו״! (מאכט פריי דעם וועג, גלייכט אויס די שטעג, ווייל א צדיק קומט! זאגט דעם צדיק, אז עס וועט איהם גוט זיין, ווייל די פרוכט פון זייערע מעשים וועט ער געניסן).

מיט גרויס כבוד און אומגעוועהנליך הערליכן פאראד ווערט דאן דער צדיק געפיהרט, אלע צדיקים פון גן־עדן ארויס, קומען איהם מקבל־פנים זיין און פרעהען זיך מיט איהם, זייער ניי־צוגעקומענעם חבר, די זון, לבנה און שטערן בעלייכטן דעם גאנצן וועג, פלייצנדיג אראפ מיט אומגעהויערע שפע פון גאלדענע, זילבערנע און ברילאנטענע שטראהלן, אלע מזלות פון פלאנעטן בוקן זיך צו דעם ניי־אנקומענדען צדיק אין גן־עדן אריין און זאגן מיט א קול, ווי פון די טייערסטע מוזיק: וואויל איז איהם און וואויל איז זיין נשמה!

אבער אזעלכעס געשעהט גאנץ זעלטן דא אין הימעל. ע״פ רוב געהען

ארויס די נשמות חייב בדין. דאמאלס איז צו איהר אך און וועה. דאס בית דין של מעלה שרייט צו איהר צארנדיג, אז אלע וועלטן ציטערן פונם דאזיגן פחדים'דיגן געשריי.

— רשע! פושע־ישראל! ווי האסטו געוואגט עובר צו זיין אויף די הייליגע געבאטן פון מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא? מען האט דיר געגעבן א לויטערע נשמה און דיר אנגעזאגט, אז דו זאלסט זי האלטן ריין, בקדושה ובטהרה, צום סוף האסטו זי מטמא געווען און פאראומרייניגט מיט דיינע עבירות און געמיינע תאוות! וועה איז צו דיר און צו דיין נפש! צוליב נישטיגע פארגעניגנס וואס האבן געדויערט רגע'ס אדער מינוטן, האסטו געלאזט געהן פארלוירן אייביגע וועלטן פון מיליאנען־פאכיגע נשמה'דיגע תענוגים!!

אויפן קול פון דאזיגן געשריי, פליהען אן כתות מלאכי־חבלה, שווארצע ווי די רוחות, ווי די טייוולאנים וואס בלויז זייער אויסזעהן מאכט די זינדיגע נשמה צו ווערן דערציטערט און זיי רייסן איהר אוועק פון בית־דין של־מעלה־טיש מיט גרויס אכזריות און פיהרן איהר אוועק אין גיהנום אריין, אדער אין ערגעץ אין ענדלאזע וויסטענישן, אין תוהו־ובוהו, פונוואנען ס'איז שוין קיינמאל מעהר קיין צוריקקעהר נישטא.

איך — האט דער פארשטארבענער דערצעהלט — בין מיר געשטאנען אריינגעקוועטשט אין א ווינקעלע, אז מ'זאל מיך אינגאנצן נישט בעמערקן און נישט ארויסזעהן און האב געצאפלט אינגאנצן פון פחד. אויפן הארץ איז מיר געווען שרעקליך ביטער, אזוי ווי אנגעזאלצן אויף אפענע, בלוטענדע וואונדן. איך האב זיך געטראכט: ווער ווייס, וואס פאר א פינסטערער פסק מיך ערווארט? א קלייניגקייט עפעס, וואס איך האב זיך אנגעזינדיגט אויף דער ערדישער וועלט, די גרעסטע העלפט פון לעבן! אליין געזינדיגט און אנדערע געמאכט זינדיגן! איך האב די גאנצע צייט פעסט געדריקט אין מיין האנד דאס כתב פון אונזער רב, דער מגלה עמוקות, האלטנדיג זיך דערין ווי אן דער איינציגער רעטונג.

איין נשמה נאך די אנדערע האט מען אפגעפערטיגט, ווער ס'האט בעקומען א הארבערן פסק און ווער — א מילדערן. אינגאנצן אומשולדיג איז קיינער נישט ארויס. און אט האב איך פלוצלינג דערהערט א רוף־אויס מיין

נאמען מיטן פאטערס נאמען. די פיר לייטזעליגע מלאכים האבן מיך זאנפט און איידל צוגעפיהרט צום בית־דין־טיש און איין מלאך האט געטהון א מיש אויף מיין בלאט אינם גרויסן פארמעטענעם ספר זכרונות. מיט אמאל דערהער איך א מאוים־דיג געשריי, אז איך בין פערגליווערט געווארן פון פחד:

— ווער האט אהער געברענגט אט דעם שרעקליכן רשע ?!! אלע פייערן פון גיהנום זענען דאך פאר איהם צו ווייניג!!!

מיינע מלאכים האבן מיר געטהון א גלעט מיט זייערע זיידענע פליגלען, פון וואס כ'האב זיך אויפגעכאפט פון מיין פערגליווערטקייט און איך האב געלעגט דאס כתב פון אונזער רב.

עס האט זיך דאן דערהערט א צווייט אויפציטערנדיג געשריי:

— וואס פאר א רייד איז דאס פון מגלה עמוקות, ער זאל אויף אונז גוזר זיין ארויסצולאזן די דאזיגע נשמה זכאי בדין ?! ער האט נישט קיין רעכט אונז צו בעפעהלן, אז מיר זאלן אנגעמען די תשובה פון אזא רשע און חוטא ומחטיא, וואס האט מאכיל טרפות געווען א גאנצע שטאט מיט אידן. אזוי פיל צעהנדליגער יאהרן לאנג!!

דערויף האט א גרופע מלאכי־רחמים, מליצי־יושר, צוריק געשריגן מיט הייליגן צארן:

— וואס ווילט איהר נאך אלץ האבן פון אט דער צעפייניגטער נשמה ?! וויניג יסורים האט זי זיך אנגעליטן ביים לעבן ?! זי האט אליין, פון אייגענעם ווילן, זיך מודה ומתוודה געווען אויף איהרע זינד, אוועק געווארפן דאס גאנצע עשירות וואס זי האט ערווארבן במשך דאס גאנצע לעבן, פרייוויליג זיך אבגעזאגט פון אלע תענוגי עולם־הזה, געליטן שווערן און ביטערן גלות דריי יאהר צייט, אויסגעשטאנען די גרעסטע, קערפערליכע און מאראלישע ליידן: הונגער, קעלט און בזיונות נאך א צולאג! איהר, מלאכים, ווען מען וואלט אייך מתלבש־געווען אין מענשליכע גופים און אראפגעשיקט אויף דער ערד, וואלט אזעלכע פיין בשום אופן נישט געקענט אריבערטראגן! איר וואלט בעשטימט זיך צוזאמענגעבראכן און נישט אויס־געהאלטן אזא תשובה! ווילט איהר איצט נאך צו־ווארפן איהר אין גיהנום־פייער אריין! דער צדיק הדור, דער הייליגער מגלה־עמוקות האט איהר

מבטיח געווען בעל פה ובכתב, אז זי איז שוין ריין און געלייטערט פון אלע איהרע זינד, אז זי איז נאך גרעסער ווי א צדיק גמור, ווייל דארט וואו א בעל תשובה שטעהט, קען קיין צדיק גמור נישט שטעהן. צום סוף שרייט איהר גאר אויף איהם רשע!?

אבער די מלאכי־דין, די משטינים ומקטריגים, האבן צוריק געשריגן מיט שרעקליכן כעס, אז עס האט אויפגעציטערט אלע וועלטן:

— זעהט נאר די שערוריה, וואס אט די פערברעכערישע נשמה האט אנגעמאכט! — ביי די ווערטער זענען פון אלע זייטן אנגעקומען צו פליהען טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער נשמות, מיט יאמערליכע געוויינען און געשרייען:

— מיר זענען געשטארבען דורך זיינע עבירות!

— איך בין יונגערהייד פון דער וועלט געגאנגען — האט איין נשמה געקלאגט — ווייל אט דער רשע האט מיך מאכיל־טרפות געווען!

— מיר זענען געווען חדר־אינגלעך, תינוקות של בית־רבן! מיר האבן נישט געוואוסט קיין טעם חטא! עס וואלט פון אונז ארויסגעוואקסן גרויסע לומדים און גדולים בתורה, אבער דורך דעם פושע־ישראל זענען מיר יונג געשטארבן!

— מיר זענען יונגע ווייבלעך — האבן זיך דערהערט יאמערליכע קלאג־ערייען, אז עס האט געקענט א שטיין ריהרן — מיר האבן געבוירן קינדער בקדושה ובטהרה, געהאפט זיי מגדל צו זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, צו זעהען זיי לומדים, חסידים, צדיקים. אבער צוליב זיינע זינד זענען מיר בעת'ן געבוירן אדער נאך אין דער קימפעט געשטארבן, פער'יתומ'ט אונזערע עופה'לעך און איצט האבן מיר אין קבר קיין מנוחה נישט! דאס געוויין פון אונזערע ציטערדיגע קינדער אין די וויגען וועקט אונז אויף אין די קברים! אזוי ווי פייגעל, וואס מ'האט זייער נעסט צעשטערט, אזוי שוועבן מיר תמיד איבער זייערע וויגעלעך און בעטעלעך, וואו זיי שלאפן! טאמער ווערן זיי געפייניגט דורך זייערע אמען אדער שטיפמאמעס, אזוי בריהט אונזערע לייבער די אומבעהאלפענע טרערן וואס זיי פערגיסן! אונז דארפן גארנישט קיין גיהנום! דער צער און ליידן פון אונזערע עלענד־געבליבענע יתומים, פאר וועלכע ס'איז קיין אננעמער נישטא, איז פאר

אונז ערגער ווי דער שרעקליכסטער גיהנום. מיר האבן שוין געהאפט אויף דעם טאג, ווען אט דער פושע־ישראל וועט דא אהערקומען, כדי צו זעהען די נקמה, ווי ער וועט זיך פלאקערן אין גיהנום! איצט וויל מען גאר דאס אלץ איהם שענקען און מוחל זיין? ניין! בשום אופן נישט! אויב דאס בית־דין של מעלה וועט איהם מוחל זיין, וועלען מיר אבער איהם נישט מוחל זיין!

מיטאמאל זענען אויך אנגעקומען סטאדעס בהמות און קעלבער, מיט א געברום און מעקעריי, מיט זייערע שטומע צינגען האבן זיי געקלאגט פארן בית־דין של מעלה:

— מיר זענען געווען גלגולים און געדארפט בעקומען א תיקון אויף דער וועלט, דורכדעם וואס א שוחט זאל אונז שחט'ן כשר און מאכן איבער אונז א ברכה! מיר האבן תמיד זיך געצאפלט, נישט אריינצופאלן אין גויי־אישע הענד און ווערן געקוילעט אויף טרפה און ווען מיר האבן שוין ענדליך זוכה געווען אז א איד זאל אונז קויפן און פיהרן צום שוחט מיט א בלאנקן חלף אהן א פגימה, איז גאר געקומען אט דער פושע־ישראל און מאכיל־טרפה'ניק, אריינגעפיהרט אונז אין א געהיימע שטאל און דארט אונז געקוילעט מיט א קלאניצע איבערן קאפ, ווי מען קוילעט א טמא'דיג חזיר! אלע אונזערע האפנונגען אויף א תיקון, זענען דאדורך געווארן אויס און איצט וואגלען מיר ווייטער ארום אין עולם התוהו און געפינען נישט קיין מנוחה!

איך בין געשטאנען אנטשטומט, מיט אפגענומען לשון און נישט געהאט קיין ווארט, מיט וואס צוריק אפצוענטפערן.

דער פארשטארבענער האט ווייטער דערצעהלט אין חלום זיין שותף:

— ווען מיין מליץ יושר האט געזעהן אז עס האלט מיט מיר שלעכט, האט ער ביי מיר גענומען דאס כתב פון אונזער רב, דער מגלה עמוקות און צו מיר געזאגט:

— האב קיין מורא נישט! ווארט דא אויף מיר!

ער האט געטאן א פליה ארויף העכער און העכער, געזוימט זיך א קורצע ווילע און באלד געקומען צוריק מיט א גאנצע מחנה זילבער ווייסע מלאכים, מליצי׳ יושר, זיי אלע האבן מיר גענומען פארטיידיגן:

— וויניג האט ער זיך אנגיפייניגט אויף דער ערדישער וועלט, געמוטשעט זיין גוף, אנגעטאן איהם אלע ערליי יסורים במשך דריי גאנצע יאהרן, געהונגערט, געפרירט, געליטן בזיונות — אלעס כדי אפצוקומען פאר זיינע זינד! ער האט דאך א כתב פון הייליגן מגלה עמוקות, אז ער איז שוין אלע זיינע זינד אפגעקומען אויף דער ערדישער וועלט, עס איז דאך דער דין: „כיון שלקה הרי הוא כאחיך" (נאכן באקומען די קלעפ, איז ער ווידער א ברודער)!

עס איז דאן אוועק א לאנגע שקלא וטריא צווישן בית דין של מעלה. ענדליך איז געפאלן דער פסק: אזוי ווי עס איז געווארן געמשפט ביי דער בית דין של מטה, אזוי ווערט אויך באשטעטיגט ביי דעם בית דין של מעלה. דער פסק פון הייליגן בעל מגלה עמוקות קען נישט געענדערט ווערן. דער בעל תשובה איז ריין פון אלע זיינע זינד אזוי ווי א ניי געבוירן קינד.

גלייכצייטיג איז ארויס פון בית דין של מעלה נאך א צווייטער פסק: די אלע נשמות וואס זענען צוליב מיין מאכיל טרפה זיין, יונגערהייט געווארן פארשניטן פון דער וועלט, דאס גלייכן די גלגולים בהמות, וועלכע איך האב דערהרגעט און זיי געמאכט פארלוירן ביידע וועלטן, זיי אלע באקומען פון איצט אן א תיקון און די טויערן פון גן עדן ווערן פאר זיי געעפנט.

באלד זענען געקומען צו פליהען מחנות, מחנות מלאכים און יעדער פון די אלע נשמות בעזונדער געבומען פיהרן מיט גרויס פאראד אין גן עדן אריין, יעדע נשמה אין איהר היכל וואו זי האט זיך פארדינט, טהייל נשמות האבן מאמענטאל אנגעהויבן צו שטראהלן מיט א אור אליין, מיט אזא בלענדענדיגע ליכט, וואס אויף דער ערד קען מען עס זיך גארנישט פארשטעלן. יעדער נשמה איז צוגעטהיילט געווארן א געוואלדיגער כבוד, וואס אויף דער ערד איז גארנישט איהר גלייכן.

ווען מען האט זיך שוין מיט זיי אלע געהאט אבגעפערטיגט, האט מען זיך גענומען צו מיר, איך בין ארויפגעשטעלט געווארן אויף א הויך ארט און ארום מיר — בלויז לייטערע מלאכים און אלע האבן געשריגן מיט א שירה'דיגן קול וואס אפילו די הערליכסטע זענען דערצו קיין גלייכן נישט:

— פלוני יצא זכאי בדין! — און דערביי האבן זיי אנגערופן מיין נאהמען

און מיין פאטער׳ס נאהמען.
עס האבן זיך דאן געעפנט אן א צאל הימלען און עס האט זיך אנטפלעקט אזא הערליכקייט און פראכט, וואס די מענטשליכע פארשטעלונג איז גאר־נישט אומשטאנד דאס משיג צו זיין.
פון אלע זייטן האבן זיך געטראגן מלאכים געזאנגען:
— זכאי הוא! בעל תשובה גמור הוא!
עס האט געשריגן אויך די אויסגעשפרייטע ספר תורה אויפן טיש. און אפילו די פייערדיגע אותיות האבן מיטגעשריגן אז איך בין זכאי.
ארום מיר האט זיך אויסגעשפרייט אזא ליכטיגקייט, אז די זון אין מיטן טאג, אפילו א תמוז טאג, איז טונקל אנטקעגן דעם.
וואס אמאל האבן געשטראמט צו מיר אלץ מער און מער הייליגע מלאכים און לויטערע צדיקים פון גן עדן ארויס, וועלכע זענען געקומען מיר מקבל פנים צו זיין אלס זייער נייער שכן. זיי האבן געטראגן קרוינען אויף די קעפ, בעזיצט די טייערסטע אידל שטיינער, וואס האבן געשפריצט פייערן פון אלערליי קאלירן.
באלד זענען געקומען זעקס פייערדיגע מלאכים, וועלכע האבן געטראגן א אומגעהויערע פרעכטיגע חופה, שטאנגען פון טענענהאלץ, און דאס כפורת — פון לויטער גינגאלד, וואו אין מיטן האבן געבלענדעט אותיות: „כי לה׳ המלוכה״. אונטער זיי איז געגאנגען א מחנה מוזיקאנטן און משוררים, דאס זענען די הייליגע לויים, די קאפעליע פון דוד המלך.
מיר האט מען ארונטערגעשטעלט אונטער דער חופה און גלייך האבן די מוזיקאנטן אנגעהויבן צו שפילן און די משוררים צו זינגען. דעם הערליכן תענוג דערפון איז נישט מעגליך צו שילדערן מיט ווערטער. א לעבעדיגער מענטש קען אזא תענוג נישט אויסהאלטן און געהט אויס בנשיקה.
און אזוי האט מען מיר מיט גרויס פאראד גענומען פיהרן צו מיין ארט אין גן עדן.
דער פארשטארבענער האט אין חלום ווייטער דערצעהלט זיין געוועזענעם שותף ביים לעבן, ווי אזוי ער איז שוין ענדליך אריין געפיהרט געווארן אין גן עדן, דער אונגעהויער כבוד וואס איז איהם דערביי געווארן צוגע־טהיילט, א כבוד, וועלכעס א בשר ודם ביים לעבן, ווען אפילו ער זאל זיך

געפינען אויף דער הויכסטער מדרגה פון גרויסקייט און גליק, קען ער דאך קיין מינדעסטן דערפון נישט באקומען. און פון וועמען איז דער כבוד געווארן צוגעטהיילט? — פון לויטערע צדיקים, מיט שטראלנדיגע פנים׳ר און קרוינען אויף די קעפ.

צוויי זקנים האבן מיר אנטקעגן געטראגן א אומגעהויער פרעכטיגער קרוין, באזעצט מיט די טייערסטע איידלשטיינער. פון צווישן וועלכע עס האבן ארויסגעגליהט די ווערטער „בעל תשובה גמור״. די דאזיגע קרוין האט מען, ביי א אויסערגעוויינליכן פאראד, אנגעטאן אויף מיין קאפ און מ׳צן האט מיר גענומען פיהרן צום היכל פון בעלי תשובה.

די פראכט און שענקייט פון דאזיגן היכל איז אוממעגליך איבער צו געבן אין ווערטער, אלע צדיקים וואס האבן מיר באגלייט ביז אהין, האבן אויסגערופן:

— אשריך שזכית לכך! וואויל צו דיר, דו האסט דערצו זוכה גיווען!

און דער פארשטארבענער האט פארענדיגט פארן געוועזענעם שיתף זיינעם:

— ווער נישט מיד פון פיהרן דאס געמוטשעטן לעבן פון א בעל תשובה! זאל דיר אויף קיין רגע נישט איינפאלן חרטה צו האבן אויף דעם נייעם עהרליכן וועג, וואס דו האסט זיך געלאזן! געדענק! אז עס זענען בעסער די ערגסטע ליידן דאס גאנצע לעבן אויף דער ערדישער וועלט, ווי איין רגע יסורי גיהנם אין דער הימלישער וועלט! דאס ערדישע לעבן אויף דער וועלט איז פארגענגליך, אבער די הימלישע וועלט דויערט אייביג, ווייל דא עקזיסטירן נישט די גרעניצן פון צייט!

געה צום הייליגן רב, דער מגלה עמוקות, און דערצעהל איהם אלץ וואס איך האב דיר איבערגעגעבן, כאטש איך בין זיכער אז ער ווייסט מסתם אליין דאס אלץ בעסער פון מיר, דאך געה און דערצעהל! בעט איהם אז ער זאל די ווונדערליכע געשיכטע מפרסם זיין אין דיר אין וועלט, זאל ער עס לאזן אפדרוקן אין א ספר און עס פארשפרייטן צווישן המון עם! זאל יעדער וויסן די הארבקייט פון א עבירה. זאל יעדער אויך וויסן וואס פאר א ווערד א צדיק האט, און די גרויסקייט פון א בעל תשובה, דער שכר פון מעשים טובים וואס „עין לא ראתה״.

מיר זענען דא מעתיק פון דעם ספר ברית מטה משה אויף די הגדה של פסח וואס
ער שרייבט און דעם פירוש אויף חד גדיא.
הנה וויבאלד עס איז געקומען צו אונזער האנט דאס ענין בין איך אויך געקום-
מען דערמאנען פון די שלעכטע עבירה "וואס דאס פלייש איז נאך צווישען אונזערע
צעהן" וואס מיר האבען געגעסען נבילות וטריפות ביז יעצט ווייל עס איז געווען
גרויס דער שטרויכלינג צווישען אידען אז פילע שוחטים האבען קיין הרגשה (דה-
יינו זיי פילען נישט אויב עס איז דא א פגימה אויף דעם חלף) איך פיל פון זיי
טוען גרינגשעצען די זאך און זיי איילען זיך צו באקוקען דעם חלף איך נאך
דער שחיטה זענען זיי נישט בודק דעם חלף ווי עס באדארף צו זיין נאר זיי
גייען סתם דורך אהן כוונה ווייל עס איז גרייט פאר איהם אסאך צו שחט´ן איך
עס איז נישט מעגליך צו טוען איך אזא קורצע צייט אזא פולע ווערק איך עס איז
א פשוטע זאך דאס ווייל זיי זענען מיד איך אויסגעמיטשעט זענען זייערהענד
שווער פון צו קענען גוט בודק זיין דעם חלף. איך זיי שחטין מיט איין חלף
זייערפיעל ביז מען קען נישט ציילען די פילע שטרויכלונגען איך שלעכטע פא-
סירונגען וואס האבען שוין פאסירט ביז יעצט. און עס איז גרויס זייער זונד
וואס די חכמים האבען מוחל געווען אויף זייער כבוד איך זיי האבען זיי געש-
טעלט אויף זייער חזקה דאס אלע אידען שטייען בחזקת כשרות מן הסתם איך יעצט
אז עס איז שלעכט געווארען זייער חזקה זעהן מיר אויף צוריק אז די זאך האט
חרוב געמאכט אונזער בית המקדש וואס עס איז נאך נישט אויף געבויט געווארען
אין אונזער צייט און די שכינה איז נאך אלץ איך גלות פון וועגען אונזערע
זונד איך אויך איז דא פילע קלקולים וואס מען קען זיי נישט אפשרייבען ווייל
דאס פאפיר איז קארץ צו פארנעמען. איך טאמער וועט עמיצער זאגען אויב די זע-
נען ארויס פון זייער חזקה שטייען דען אלע אידען בחזקת איסור? פון דעסט
וועגען דארף מען שוין חושש זיין ווייל דאס דארף געטון ווערען זייער שטייט
אין מען דארף גוט מדקדק זיין אין די ווערק איז שווער אויף איהם אזוי ווי
מיר טרעפען אז זיי זענען נישט מדקדק וועגען דעם איך בפרט ביי די שחיטה פין
לעמעלך וועגען די וואל איז נאנט אז מען זאל פושע זיין איך מקלקל זיין איך
ווייל זיי דארפען אסאך שעכטען זענען זיי נישט מדקדק אזוי שטארק איך זיי
איילען זיך צו שעכטען איך עס איז נאנט צו ודאי אז זיי גיבען צו עסען נבי-
לות וטרפות אזוי ווי עס איז קלאר געווארען. איך ווער עס וועט זיך ווינדעריך
אין זאגען וואס איז דער מענטש צווישען מענטשען איך וואס איז היינט אנדערש
פון אלע טעג איך ער וועט גרינג שעצען איך דער זאך איז בודאי דער מנהג און
מעשה אבותינו און זיינע הענט וואס זיי לייגען אוים זייערע ווערטער זאגענדיג
"/ווער וועט אונז געבען צו עסען פלייש"/ וואס וועגען דעם זענען מחויב געו-
ען די פיינד פון די אידען צו פארלענדעט ווערען ווייל זיי האבען געוואלט
עסען פלייש פון גלוסטונג דאס מיינט פלייש פון נחירה איך אונזערע עלטערען
האבען געזינדיגט איך זיי זענען נישטא און אויב מיר וועלען טוהן ווי זייערע
נישט גוטע מעשים צו זיין באצוונגען דורך זייערע זינד ח"ו אוי איז צו אונז
פון דעם יום הדין אוי איז אונז פון דעם יום התוכחה און מיר האבען נישט וואס
צו רעדען איך ווער קען פארציילען וואס איז שוין אריבער אויף אונז ביז יעצט
וואס די שוחטים האבען אונז גורם געווען פיל שלעכטס איך זיי אליין האבען
נישט געוויסט אז זיי האבען געשאחטין מיט א פגומדיגען מעסער אזוי אויך וועט
זייער סייט זיין איך דעם כלל פון נבילה וטרפה לכלב דאס מיינט די קליפה רח"ל
תשליכון אותו זאלט איהר איהם ווארפען איך ער מוז ווערען מגולגל איך א הונד
וועגען דעם זאלען זיי צולייגען זייער הארץ צו דעם גרויסען שלעכטען שטראף
איך זאלען איבערקלעריך זייער שכר אקעגען די עבירה און זיי זאלען זעהן אז
עס זאל אייביג זיין די פארכט פון דעפ באשעפער אויף זייער פנים איך זיי ז
זאלען זיין נקיים מישראל. אויך איך ווייזען זייערע חלפים פאר די חכמים פון
זייער דור פאר די שחיטה איך דערנאך יעדע וואך איך דעמאלס וועט קומען אויף
זיי א גוטע ברכה און זיי וועלען זוכה זיין צו פיהל גוטס וואס איז באהאלטען
פאר זיינע פארכטיגע. און יעצט גלויבט צו גאט האבען מיר געהערט אז איך עס-
ליכע הייליגע קהלות און מדינת אשכנז האט מען געשטעלט כשרים און באגלייבטע
בשעת שחיטה כדי צו באקוקען די חלפים באלד נאך די שחיטה איך צו ווייזען דעם
חלף פאר א חכם פאר די שחיטה אויך דא ק"ק ברלין האט דער רב המופלג הישיש
והזך אב"ד ור"מ נר"ו געזען צו צאמען פאר די צאן קדשים זיי זאלען נישט או-

מווערדיגען זייער זעהל ח"ו אין האט אפגעטון די שטרויכלונג פון די אידען
על כן דער וואס האט מורא אין ציטערט פאר דעם דבר ה׳ אין ער קען פאררעכטען
זאל ער זעהן עס זאל נישט ארויף דער זונד אויף זיין קאפ אין אויך דער וואס
קען נישט מוחה זיין עכ"פ איז דאך אין זיינע הענד ער זאל נישט עסען פלייש
נאר מיט די אויבען דערמאנטע תקנה אין אפילו ער וועט נישט טרעפען קיין פלייש
צו עסען שבת ויו"ט זאל ער ח"ו נישט מיקל זיין וועגען דעם ווייל עס איז כמעט
זוכער אז ער וועט עסען א דבר איסור אמאהל על כן זאל מען צו לייגען צום הארץ
דאס איז דאך אלעס ווערים אין דער סוף וועט זיין ביטער על כן זאל ער זיך
נישט שעמען פאר קיין מענטש אין זאל זיך הייליגען מיט דעם וואס איז מותר
צו איהם אין עס וועט געזאגט ווערען צו איהם קדוש.

## <u>נעתק מספר ברית מטה משה</u>

הנה הואיל ואת׳ לידן ענין זה באתי להזכיר מעון הרע הזה שעדיין הבשר בין
שנינו שאכלנו נבלות וטרפות עד כה שהיה גודל המכשלה הזאת בישראל שה-
רבה שוחטים אין להם הרגשה והרבה מהם מקילין בדבר וממהרין לבדוק ופשיטא
לאחר שחיטה אינם בודקין הסכין רק דרך העברה בעלמא בלי כוונות הלב מחמת
שמוכן לפניו הרבה לשחוט ואינו בכדי שיעשה בזמן קצר והמלאכה מרובה ופשיטא
מחמת שמייעפים ומיגעים ידם כבדים עליהם מלבדוק סכינים יפה ושוחטים בסכין
א׳ הרבה עד כי חדל לספור כי אין מספר מכל התלאות ומקרה רעות שקרה עד כה
וגודל עוונותם ע"י שמחלו חכמים על כבודם והעמידו להם על חזקתם דכל ישראל
בחזקת כשרות עומדים מן הסתם ועכשיו שאיתרע חזקתם ראינו למפרע שדבר זה הח-
ריב את ביתינו אשר עדיין לא נבנה בימינו והשכינה בגלות עדיין בעונינו וכ-
אשר נמצא כמה קלקולים אשר אין להעלות על הספר כי קצר היריעה מלהשתרע ואם
יאמר האומר אם אלו יצאו מחזקתן כל ישראל מי עומדין בחזקת איסור מ"מ למיחוש
מיהו בעי מחמת שצריך להיות מתוך גדול ולדקדק הטיב והמלאכה כבידה עליו כאשר
מצאנו שכולם אינם מדקדקין בעבור זה ובפרט בשחיטת הכבשים מחמת צמרו קרוב
הדבר לפשוע ולקלקל ומחמת שיש להם לשחוט הרבה אינו מדקדקים כ"כ וממהרים ל
לשחוט וקרוב לוודאי שמאכילין נבילות וטריפות כאשר נתברר ומי שיהיה מוחמ׳
בדבר ולומר מה גבר בגוברין ומה יום מיומים ויקל בדבר הזה בוודאי מנהג ומ-
<u>עשה אבותיהם בידם ששו</u>:<u>חים את דבריהם לאמר מי יתן לנו לאכול בשר</u> וא"ת ויש-
<u>טחו אלא וישחטו</u> שהיה נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה על שבקשו לאכול בשר
תאוה היינו בשר נחירה ואבותינו חטאו ואינם ואנחנו אם נעשה כמעשיהם לא
טובים להיות נלכדים בעונם ח"ו ואוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה:
ואין לנו פה לדבר ומי יוכל להגיד ולספר מה שעבר עלינו עד כה שגרמו לנו
השוחטים כמה רעות ולא ידעו ששחטו לעצמם בסכין פגומה כמו כן יהיה מיחתם
בכלל נבילה וטרפה לכלב הוא הקליפה רחמנא ליצלן תשליך אותם ומוכרח להיות
מגולגל בכלב ע"כ ישימו אל לבם עונש גדול הרע הזה ויחשבו שכרם כנגדהעבירה
ולראות שתמיד יהיה יראתו של ית׳ על פניהם ומה׳ ומישראל יהיה ג"כ נקיים
ולהראות סכינים לחכמים בדורם לפני השחיטה ואח"כ בכל שבוע ושבוע ואז תבא
עליהם ברכת טוב ויזכו לרב טוב הצפון ליראיו. ועכשיו ת"ל שמענו שבכמה קה-
לות קדושות במדינת אשכנז העמידו כשרים ונאמנים בשעת שחיטה כדי לבדוק תכף
אחר שחיטה ולהראות סכינו לפני שחיטה לחכם גם פה ק"ק ברלין ראה הרב המופלג
הישש והזקן אב"ד ור"מ נר"ו לגדור גדר לפני צאן קדשים שלא יסתאבו את נפשם
ח"ו והסר המכשלה הזאת מישראל עד כי חדל לספור כי אין מספר ע"כ הירא וחרד
לדבר ה׳ ויש בידו לתקן יראה שלא יחלה אשמו בראשו ואף למי שאין בידו למחוה
עכ"פ הרי בידו שלא לאכול בשר כי אם עפ"י תקנה הנ"ל ואף שלא ימצא בשר לאכול
אפי׳ בשבתות ובי"ט אל יקל בעבור זה ח"ו דקרוב לודאי הוא שיאכל דבר איסור
לפעמים ע"כ ישים אל לבו זה תולע ורימה ובתכלית יהיה מרה ע"כ אל יתבייש מפני
אדם וכו׳ ויקדש את עצמו במותר לו ואז קדוש יאמרו לו מה קדוש לעולם קיים
ויזכה בביאת ירושלים במהרה בימינו אמן סלה: עכ"ל ס׳ ברית מטה משה הנ"ל.

דער גאון מהר"ש אבוהב זי"ע אין ספר הזכרונות (דעם צווייטען פרק פון הלכות שחיטה) שרייבט. אז אויב עס וואלט מעגליך געווען פאר דעם פאלק צו עקזיסטירען אהן פלייש וואלטען אונזערע רביים לאנג צוריק מבטל געווען דאס פאך פון שחיטה און נאך דער צו וואס היינטיגע צייטען לאזען זיך אסאך אריין אין דעם פאך. אין עס איז זייער גרינג צוקומען צו מכשולות(שטרויכלונג) סיי פאר א יחיד סיי פאר א רבים אין דער שולד ליגט אויף די וואס גיבען רשות רחמנא ליצלן. (ביז אהער פון ספר הזכרונות) און דער חתם סופר זי"ע (און חלק או"ח סי׳ ר"ה) שרייבט אז דער מלך זקן און כסיל (דאס מיינט מען דעם יצר הרע) זיצט אויף א שטוהל פון דריי פוס א׳ פון חזנים וואס פירען ארויס תפלות פון אידישע קינדער מחוץ למחנה וכו׳ ב׳ פון שוחטים וואס זענען מאכיל נבילות וטרפות פאר אידישע קינדער ג׳ סופרים וואס שרייבען פסול׳ע תפילין און מזוזות אין מיט דעם באגעניגט ער זיך. (ביז דא פון חתם סופר) עהנדליך צו דעם שרייבט דער תולדות יעקב יוסף פר׳ נשא און פון ווילנער גאון שטייט אין מעשה רב אות צ׳ אז עס איז בעסער צו עסען שבת מילכיגס ווי מען זאל עסען פון א בהמה וואס איז געשאכטען געווארען אהן דעם וואס עמיצער איז געשטאנען איבער דעם שוחט. און דער דברי חיים (יורה דעה חלק א׳ סוף סי׳ ז׳) אשרייבט אז ער האט געזעהן אסאך יראי השם און לומדי תורה וואס זיי זענען געווארען שוחטים זענען זיי פאר דארבען געווארען אין אויך אין (סימן ז׳) שרייבט ער אז דורך שוחטים וואס זענען קלים זענען ארויס פון אידישען דת פילע קהלות אין דייטשלאנד רח"ל. זעהן מיר פון דעם אז ביי שחיטה אויב ׳מען איז נישט נזהר צו זיין א ירא שמים שאט דאס זייער שטארק. אזוי ווי עס שטייט און תבואות שור אז א שוחט דארף זיין א ירא שמים מרבים און דאס יראת שמים זאל איהם ליגען אויף דעם פנים. און אויב נישט ווערט ער אליין פאר דארבען מער און מער און ממילא פארדארבטער אנדערע אויך וואס עסען פון זיין שחיטה און זיי ווערען פוהל מיט טומאה ביז זיי ווערען אפיקורסים! אין ביי מיר איז זיכער אז דאס וואס מען איז גוזר היינטיגע צייטען גזירות א קעגען שחיטות איז נאר ווייל מען האט זיך נישט גוט אום געקוקט אויף די שוחטים ווי עס באדארף צו זיין: (ספר טיול בפרדס אות ש׳ פון שאמלויער רב ז"ל)

תשובות בית הלל סימן מ"ח

אויך זענען מיר מעתיק דאס לשון פין הגה"צ ר׳ הלל קאלאמאייער ז"ל. וז"ל: איהר זאלט וויסען דאס די עבדה פון נבילות וטרפות איז זייער הארב אין אינהאלט מער פון אנדערע עבירות ווייל אויף אנדערע עבירות זאגען אונזערע חכמים בנים משחיתים (קינדער וואס זענען פאר דארבען) אפי׳ זיי פארדארבען הייסען זיי קינדער פון השי"ת אבער נישט ביי דעם איסור פון נבילות וטרפות! ווייל אויף דעם פסוק ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טרפה לא תאכלו (און הייליגע מענטשען זאלט איהר זיין און טרפה פלייש זאלט איהר נישט עסען) ברענגט רש"י (בשם די חז"ל) אויב איהר זענט הייליג און אפגעהיט פון נבילות וטרפות זענט איהר מיין און אויב נישט זענט איהר נישט מיין. יעצט אויב איהר זענט נישט נזהר ח"ו פון נבילות וטרפות ווי אזוי זאגט איהר יעדען מאנטיג און דאנערשטיג והוא רחום און אבינו מלכנו וכו׳ און כרחם אב על בנים און אין די הייליגע טעג אנו בניך ואתה אבינו ווי אזוי האט איר נישט מורא אז דער רבש"ע וועט זאגען איך קען ענק נישט און איהר זענט נישט מיין ווייל איהר זענט פאר שמירט מיט נבילות וטרפות און אודאי און אזא צייט ווי אסאך פון אונזערע ברידער זענען איבער געגעבען אין די הענט פון רויבער וכו׳ איז דאך אודאי געווים אז מען דארף טוען אלעס וואס איז און אונזער מעגליכקייט אז דער נאמען פון אויבערשטען זאל אויף אונז ווערען אנגערופען. און די חכמים זאגען אז די שטראף וואס קינדער שטארבען דורך קרענק פון האלדז רח"ל קומט וועגען דעם וואס מען עסט טמא׳נע זאכען. איז יעצט האט רחמנות אויף אייערע קינדער איהר זאלט זיי נישט פאר ווארפען וכו׳. עכלה"ק.

מיר ווילען בעטען יעדען איינם וואס איז ביכולת און פארשטייט דאס וויכטיקייט פון מעורר זיין אויף מאכלות אסורות זאל מוחל זיין אריין קיקען וויפיהל ער קען כדי מיר זאלען קענען דעקען די הוצאות אין אויך אויף להבא מעורר צו זיין אויף די ענינים און אין דעם זכות זאלט איהר געבענשט ווערען מיט שפע ברכה אין הצלחה : אונז שיקען מיר נישט ארויס ענוואלאפס ווייל עס קאסט אסאך געלט אין פאר דעם פרייז וואס קאסט צו דרוקען טויזענטער ענוואלאפס קענען מיר מעורר זיין להשובה נאך טויזענט יודען. ע"כ בעטען מיר יעדער זאל באלט אריין שיקען וויפהל ער קען וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים. ותודה למפרע.

# City of Crakow




בשר כשר

י. מנחם

# נאך א נייע מאדע

## כשר געמאכטע פלייש...

אלעס איז היינט א פראגע, אפילו כשר-געמאכט פלייש. אייגנטלאך וואס איז דא צורעדן דערפון. און דאך איז דא אויף דעם באדן וואס צו באמערקן.

לעצטנס האט זיך פארשפרייט א נייע מאדע אין א סאך אידישע הייזער, דאס מקויפט, צוליב באקוועמליכקייט געווייגליך, פארטיג כשר-געמאכטע פלייש. אייגנטלאך, וואס קען עס שאדן ברייגען, מ'רעדט דאך פון פארלעסליכע מענטשן וואס מאכן כשר די פלייש לויט אלע דינים או מנהגים. נו איז וואס איגדעם ווען די אידישע טאכטער פארגרינגערט זיך אביסל און שפארט זיך איין ארבעט פון זאלצן או שווינקען?

אבער עס מאכט א משונה'ן איינדרוק, ווייל דאס ווייזט זיך ארויס ווי די נייע טעכניק, די לעצטע מאדערניזאציע פארשלעפט אפילו אנווערע אידישע הייזער.

אין דעם פלאץ איז שוין געשריבן געווארן וועגן די מצוה פון חלה — פון די איינציגע מצוות וואס די פרויען פארמאגן — וואס איז לעצטנס במעט פארשוואונדן געווארן פון אידישע הייזער. וויפיל פרויען פארקנעטן הייגטיגע צייטן אליין די טייג כדי אראפ צו נעמען חלה צו מקיים זיין א מצוה! לייהער, זעהר ווענינ!

יעצט ווערט צוגענומען נאך א מצוה פון די ווייבער, כשר מאכן פלייש! עס איז נישט קיין באזונדער מצוה אזוי ווי חלה אבער וואס פאר א אידישקייט איז געלעגן אין דעם ווען ווייבער נאך זייער בויען א אייגענע שטוב, פלעגן דורכלערנען דינים פון זאלצן פלייש א.ד.ג., דאס האט אריינגעגעבן א זהירות אין א מצוה, א דערהויטערונג פון א עסן וואס איז נישט גלאט.

און אז זיי קויפן שוין כשר-געמאכטע פלייש — איז אראפ דער אידישער באזונדער חן וואס האט זיך געפונען אין די אידישע קיך!

ניט א קוק וואס עס שרייבט דערויף דער גאון רבי חיים סופר זצ"ל (מחבר פון ספר „מחנה חיים") אין זיין בריף צו הגאון רבי שמשון רפאל הירש פון פראנקפורט, (אין ספר „קן סופר" סימן ס"א), ווי פאלגענד:

„יראים מחששים אחר היתרים למכור במטבחים בשר הנקרא כשר געמאכט'. כפי הנראה האכרחים רוצים לחמות על בנות ישראל הכשרים ולדקל מהם, והאמת שהוא להיפך שגוזלים אותן מהמצות המועטות שהטילו חכז"ל עליהן, המקום יציל אותי שאתן יד ולסייע לדבר. לא יאומן כי יסופר שמפני טירחא מעוטה תרידא כזה ימנעו את עצמם מלקנות בשר כשר. וברור יתים כזה שאנו עומדים בו כהיום החוב הקדוש מוטל על כל אר"א שיר"ש נשרש בלבבו בפי שנים לשמור ולקיים לא בלבד כל המצות אלא אפילו הקל שבקלים ממנהגים שקבלנו מאבותינו הקדושים נ"ע".

איבערזעצונג:

פרומע אידן זוכן זיך היתרים צו פארקויפן אין פלייש געשעפט „כשר-געמאכטע" פלייש. ווייזט אויס אז די פירער פון די אידישע געמיינדע ווילן פארגרינגערן די אידישע פרומע טעכטער, אבער די ווירקליכקייט איז אז מ'בארויבט זיי פון די ביסל מצוות וואס זיי פארמאגן, השי"ת זאל מיך אויסהיטן צו געבן א האנד דערצו.

און אין דעם דור יתום וואו מיר שטעהען היינט ליגט א פליכט אויף יעדן וואס יראת שמים איז איינגעווארצלט ביי זיי אין הארצן, היטן און מקיים זיין אלע אידישע מנהגים אפילו די לייכטסטע וואס מיר האבן איבער גענומען פון אונזערע עלטערן.

✶

דא נישט לאנג אין מיין רייזע קיין אמעריקע, האב איך פארברענגט א חשיק צייט אין די ארטאדאקסישע קווארטלען פון ברוקלין. האב איך זיך באגעגנט מיט א מאדנע ערשיינונג: איהר קענט נישט באקומען אין ארטאדאקסע יאטקעס נאר כשר-געמאכטע פלייש!...

איך האב דאן געזאגט צו א יונגערמאן א תלמיד חכם און א חסידישער איד: דא איז א מציאות אז די ווייבער וויסן גארנישט פון כשר-מאכן פלייש. זיי זענען שוין אזוי געוואוינט אז מען קויפט פארטיגע כשרה פלייש גרייט צום עסן. זיי וויסן גארנישט ווי אזוי מען מאכט כשר פלייש. אזוי ווי זיי וויסן נישט ווי צו מעשר'ן. אזוי ווי מעשר'ן איז ביי אייך נישט וויכטיג — אזוי איז כשר מאכן פלייש נישט וויכטיג... און אז עס מאכט זיך אמאהל און די ווייב איז אנטערוועגנס אדער ציהט זיך אריבער אין א אנדער ארט, און זי קויפט פלייש ביי א פרומען איד וואס איז טאקע פארלעסליך אז די פלייש איז כשר, נאר נישט כשר-געמאכט — ווער ווייסט אויב זי וועט נישט דורכפאלן ח"ו אין עסן נישט כשר-געמאכטע פלייש! זי איז דאך אזוי איינגעוואוינט אז מען דארף נישט כשר מאכן פלייש...

יענער יונגערמאן האט מיר מודה געווען אז איך בין גערעכט און אז ער האט טאקע קיינמאהל נישט אריינגעטראכט ווי ווייט עס קען דערגעהן.

נאך מערער, אפילו די ווייב וועט שוין וויסן אז די פלייש איז כשר נאר מען דארף עס כשר-מאכן, איז דאך דאס כשר-מאכן פארבונדן מיט מאסן דינים פון זאלצן און שווינקען, און אז עס פאלט אראפ א שטיקל פלייש אין וואסער, אויף דער ערד און נאך אזעלכע פאלן וואס עס קען פאסירן. די זעגען דינים וואס די פרוי וואס איז בקי אין דעם, ווייסט שוין ווי אזוי זיך צו פירן און ווען און ווי אזוי מען דארף פרעגן דעם מורה הוראה די שאלה.

אז מען איז זיך מתבונן אין דעם — זעהט מען וואס פאר א אויגן האט געהאט יענער גאון רבי חיים סופר וואס מיט 70-60 יאהר צוריק האט ער שוין באטראכט די פראגע פון א ערנסטן שטאנדפונקט, און ווי ערנסט איז דאס שוין היינט אין אונזער צייט...

זאל נישט זיין אין אונזערע אויגן גרינג יעדן אידישער מנהג. אל תיטוש תורת אמך. יעדע טאכטער דארף זיך פירן ווי די מוטער ווי די באבע און ציהען די קייט פון די טראדיציע, דאן האבן מיר צו האפן אז אונזער קיך וועט זיין כשר, און אונזער טיש וועט זיין ריין.

# אין די שטאָדט קראָקא

ב. סאָקאָלאָוו

**יאָרן מיט יאָרן איז דער אידישער קיך באַליוועט געוואָרן מיט טריפה פלייש. א טראַגישע געשיכטע וואָס איז פאָרגעקומען אין די צייט פון דעם גאון און צדיק ר׳ נתן נטע שפּירא, מחבר פון ספר מגלה עמוקות.**

הגאון ר׳ נתן נטע שפּירא איז געבאָרן געוואָרן אין יאָהר שמ״ה. ער איז געווען א אייניקל פון דעם פריהערדיגן ר׳ נתן נטע (ב״ר שמשון) שפּירא וועלכער איז געווען רב אין הורודנא און מחבר געווען א פּירוש אויף דעם שערי דורא און א פּירוש אויף רש״י על התורה מיטן נאָהמען „אמרי שפר״.

אין יאָהר שע״ז איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין קראָקא. דאָרטן האָט ער געפירט א גרויסע ישיבה און צווישן זיינע תלמידים איז אויך געווען דער גאון ר׳ שבתי כהן (ש״ך). אויסער זיין גאונות אין נגלה איז ער געווען מפורסם אלס גרויסער בעל מקובל און אלע האָבן איהם געהאַלטן פאַר א הייליגער מאַן.

זיינע חדושים אויפן רי״ף מיטן נאָהמען „חדושי אנשי שם״ זענען געדרוקט געוואָרן אין אַלע ש״סן, ער איז אָבער באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט מיט זיין פּירוש מגלה עמוקות, אין וועלכן ער דרשנט דעם וואָרט „ואתחנן״ מיט צוויי הונדערט צוויי און פופציג אופנים. אויך זיין פּירוש אויף דער תורה האָט דעם זעלבן נאָהמען „מגלה עמוקות״.

ער איז נפטר געוואָרן אין יאָהר שצ״ג זייענדיג אַלט נישט מעהר ווי אַכט און פערציג יאָהר און אויף זיין מצבה שטעהט אויסגעקריצט: „הוא שאומרים עליו שדבר את אליהו פנים אל פנים״ — ער איז עס, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער פלעגט רעדן אַפּן מיט אליהו הנביא״. זי״ע.